STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02984

# TSURIKGEMISHTE BLETLEKH

Hayah Huberman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



חיה הובערמאַן / צוריקגעמישטע בלעטלעך

Imprimerie SCHIPPER - OBE. 36.53

חיה הובערמאן

# צוריקגעמישטע בלעטלעך

זכרונות

פּאַריז — 1966

## קאַפּיטל 1

# פון מיינע קינדער יאָרן

איך בין געבוירן אין אַ קליין שטעטל, אין יאָר 1890, נישט ווייט פון וואַרשע, אין מאַגנישאָף. דאָרט האָבן געלעבט אַן ערך דריי הונדערט יידישע משפחות. מיין פאָטער, אַ שטאַרק רעליגיעזער ייד, א קליינהענדלער, איז געווען זייער שטרענג צו די קינדער. ער איז אָבער וויניק געווען אין הויז. זיין באַשעפטיקונג איז געווען צו פירן קיין וואַרשע, צוויי מאָל אין דער וואָך, פאַרשיידענע לעבנסמיטלען.

אין שטעטל האָט געהערשט אַ שרעקלעכע אָרעמקייט און נויט. יידישע קינדער זענען נישט געגאַנגען אין „שקאָלע", ווייל מ'האָט דאָרט געלערנט אום שבת. מיין טייערע מוטער איז געווען פון אַן אַנדער שטעטל. איר פאָטער איז געווען אַ מלמד. ביי אים האָבן געלערנט האַלב-דערוואַקסענע בחורים. ער האָט זיין טאָכטער גע־

זעצט לעבן זיך, און זי האָט צוגלייך מיט אַלע געלערנט גמרא.

די קינדער שיקן אין שולע איז געווען פאַר די רעליגיעזע יידן זייער שווער, ווייל זיי זענען געצוווּנגען געווען אויך שבת צו לערנען. די יינגלעך זענען געגאַנגען אין חדר, אָבער מיט די מיידלעך איז געווען אַ ביסל אַנדערש. האָבן לערערס, וואָס זענען געקומען פון דער פרעמד, געלערנט מיט די מיידלעך. בלויז דריי יידישע פאַמיליעס האָבן געוואָגט צו שיקן זייערע קינדער אין די גוישע שולן. זיי זענען באַטראַכט געוואָרן ווי פאַרגעשריטענע, אָבער דאָס גאַנצע שטעטל האָט זיי באָיקאָטירט. אין בית־מדרש האָט האָט מען די טאַטעס זייערע געלייגט אין חרם אַריין.

מיינע צוויי ברידערלעך, איינער פון 5 יאָר, איינער פון דריי און אַ האַלב יאָר, זענען געגאַנגען אין חדר, ביים בעסטן מלמד. האָב איך אויך געוואָלט גיין מיט זיי אין חדר. האָט מיר אָבער מיין פאָטער דערקלערט, אַז אַ מיידל גייט נישט אין חדר. „צו דיר — האָט ער געזאָגט — וועט מען רופן אַ לערער אין שטוב אַריין".

— ווען אַ מיידל ווערט אַלט 14 יאָר — האָט ער צוגעגעבן באַזאָכט — מאַכט מען זי חתונה...

איך האָב אויסגעשריגן:

— איך וויל , ווי די מאַמע, קענען לערנען!...

מיין מאַמע האָט געקענט חומש און רש"י. דער טאַטע האָט אָנגעהויבן קלאָגן, אַז אין מיר איז, רחמנא לצלן, אַריין אַ דיבוק... ס'האָבן אין שטוב נישט געפעלט קיין צרות. אָט איז מיין עלטער ברודערל אַהיימגעקומען מיט אַ געוויין, אַז דער רבי האָט אים גע־

שמיסן. ער איז געווען צעבלוטיקט. די מאמע האָט פאַרבראָכן די הענט אין געוויין.

דערווייל איז די רביצין געקומען מאָנען פאר דער שויב, וואָס מיין ברודערל האָט אויסגעהאַקט, נאָכן אָפּשמייסן אים. האָט דער פאָטער ווידער געוואָלט מיין ברודערל דערלאַנגען קלעפּ. ווען כ׳האָב דערזען ווי ער נעמט אַ רוט, האָב איך געמאַכט אַזאַ געשריי, אַז ער האָט זיך דערשראָקן. ער האָט געזאָגט, אַז עס שרייט אַרויס פון מיר דער דיבוק. ער האָט אָבער דאָס ברודערל מער נישט גע־שלאָגן.

מין פאָטער האָט געדונגען פאַר מיר אַ בעלפער, ער זאָל קו־מען מיר לערנען דאַווענען, לייענען און שרייבן. זי איז געווען זייער אַ האַרציקע, מיין מוטער, איז מיט מיר אַרומגעגאַנגען פאַר־זיכטיק. כ׳האָב זיך אַ ביסל באַרואיקט.

פרייטיק, נאָך די גרויסע קריגערייען אין הויז, פרעגט מיך מיין מוטער, צי איך וויל גיין אַוועקטראָגן אַ פּאָר פעקלעך. זי איז פאַרנומען מיטן באַקן און קאָכן. דאָנערשטיק ביז 4 בייגאַכט האָט זי געקאָכט און געבאַקן פאַר דער משפחה און פאַר אַ פּאָר אָרעמע לייט. — זי האָט געבאַקן ברויט, חלות, קיכלעך, פלעצלעך. מיך האָט זי געהייסן גיין זיך לייגן שלאָפן און זי אַליין פלעגט ביז 4 פאַרטאָג באַקן און קאָכן. פרייטיק אין דער פרי פלעגט זי אַוועק־לויפן מיט אַ קוישל, נאָך איידער מיין פאָטער איז אַהיימגעקומען.

דערפאַר האָט זי מיך געפרעגט צי איך וויל פרייטיק אין דער פרי גיין עפּעס אַוועקטראָגן. זי האָט שוין געהאַט פאַרגעברייט דריי פעקל׳עך, אויף יעדן מיט אַ באַזונדערן נאָמען. איך בין געווען זייער נייגעריק וואָהין די מאַמע שיקט מיר. זי האָט מיר אָנגעזאָגט איך

זאָל נישט פאַרטוישן, חלילה. די נעמען האָב איך געקענט פון הערן.

ווען איך בין אַריין אין דער ערשטער שטוב, איז מיר פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן. עס זענען דאָרט געלעגן צוויי פּאַראַליזירטע, אַ מאַמע מיט אַ טאָכטער. די טאָכטער איז געבוירן געוואָרן, ווען די מאַמע איז שוין פיר יאָר געווען פּאַראַליזירט. אין קבר איז שוין בעסער צו ליגן... דער מאַן מוז זיי ביידע באַדינען. איצט האָב איך פאַרשטאַנען ווו מיין מאַמע גייט אַוועק יעדן פרייטיק אין דער פרי. דער מאַן פלעגט פירן זיין פרוי מיט אַ טוטשקע הינטער דער שטאָט, צו דער אָזיערע, ווען זי האָט באַדאַרפט גיין אין מקווה. אַזוי זענען געבוירן געוואָרן נאָך קינדער, זיי זענען דערנאָך געשטאָרבן.

אין אַן אַנדער שטיבל האָב איך געטראָפן אַ בלינדע פרוי מיט אַ קראַנקן מאַן. די דריטע איז געווען אַן עלטערע פרוי, איבער די 70, איז לאַנגע יאָרן געלעגן אין בעט.

ווען כ׳בין אַהיימגעקומען, האָט די מאַמע מיר דערקלערט, פאַרוואָס זי האָט מיר געשיקט צו די אָרעמע מענטשן: כ׳זאָל זעען, אַז מיר איז נישט אַזוי שלעכט.

דאָס אַלץ, וואָס איך האָב צוגעזען מיט מיינע אייגענע אויגן, איז געווען נישט פריילעך. איך האָב געוויינט, אַז איך וויל בעסער שטאַרבן, איידער אַזוי צו לעבן.

אין אָוונט קומען צו אונז אַריין צוויי קינדער פון אַ שכן, צוויי מיידלעך, און בעטן מיר איך זאָל אַריינגיין צו זיי זיך שפּילן. איך האָב נישט געוואָלט גיין, ווייל ביי זיי איז פינצטער און קאַלט ווי אין אַ קבר. ביי אונז אין שטוב האָט געברענט דער לאָמפּ ליכטיק. זאָלן זיי בלייבן ביי אונז זיך שפּילן. זאָגט דאָס קליינע מיידעלע: „אַז די מאַמע וועט נישט זען, וועל איך אַרויסדרייען דאָס לעמפל״.

עס איז מיר געווען אַ גרויס מיטלייד מיט די קינדער. איך בין מיט זיי אַריין. די מוטער זייערע האָט זיך געפרייט און איז געלאָפן זוכן אַ פּאָר העלצלעך, אַביסל צו דערוואַרעמען דאָס קאַלטע שטיבל.

איז דאָס מיידעלע פון אַ יאָר פינף צוגעגאַנגען און אַרויסגעדרייט אַ קליין ביסל דאָס לעמפּל. ווען די מוטער איז אַריינגעקומען, האָט זי, אַן אויפגעקאָכטע, געפרעגט: „ווער האָט אַרויפגעדרייט דאָס לעמפּל?!". דאָס עלטערע מיידעלע האָט געוויזן אויפן ייִנגערן. איז די מוטער צו און געגעבן עס אַ קניפּ אין הענטל, אַז דאָס קינד האָט זיך פאַרקייכט. האָב איך אָנגעהויבן צו וויינען, ווייל איך האָב זיך געפילט שולדיק דערין. די מוטער האָט מיר געזאָגט:

— הער אויס, מיין קינד, ביסט נאָך אַ קליינע, אָבער מיינע קינדער מוזן פאַרשטיין די לאַגע. דיין טאַטע איז אויך נישט קיין גביר, אָבער אויף פּרנסה פאַרדינט ער, צו קענען ברענען ליכטיקער דאָס לעמפּל... מיינע קינדערס פאָטער שטייט אויף צוויי בייַנאַכט, גייט אַוועק מיט אַ קויש אויף די פּלייצעס, אין די גרויסע שנייען און פרעסט, און קומט אַהיים שפּעט ביינאַכט, אַ געפרוירענער, צו פאַרדינען 6 גראָשן... ווען ער פאַרדינט אַ צענערל, בין איך גליקלעך. וואָס זאָל איך פריער מאַכן מיטן פאַרדינסט? אַ האַלבער ליטער נאַפט מוז ביי מיר סטייען אויף אַ גאַנצע וואָך...

איך האָב עס פאַרשטאַנען. די קינדער פלעגן מיך מיטרופן, ווען די מאַמע האָט זיי געשיקט איינקויפן, דעם טאָג איבערצולעבן. זיי האָבן געבעטן פאַר 1 גראָשן צוקער, פאַר אַ גראָשן ציקאָריע, אַ פונט ברויט. מיך האָט זייער ווי געטון דאָס אַלץ צוצוזען. איך האָב געזען, ווי די מאַמע זייערע שניידט צוויי רינדלעך ברויט פאַר די צוויי קינדער און די רעשט פאַרשטעקט זי, די קינדער זאָלן

נישט זען ווו. מיין מוטער פלעגט יעדע וואָך אַליין באַקן ברויט.

צו אונזער גרופּע קינדער איז צוגעקומען נאָך אַ מיידעלע, אַביסל עלטער פון אונז. מיר זענען געווען קינדער פון זעקס ביז זיבן יאָר. דאָס נייע מיידעלע איז שוין געווען אַריבער עלף.

די נייע חברטע איז געווען אַ מיידעלע מיט צוויי שיינע בלאָנדע צעפּ ביז די קני, מיט בלויע אויגן. זי האָט די קינדער פאַרווילט. מען האָט זי גערופן עטעלע. אָן עטעלען האָט מען זיך נישט געקענט שפּילן. איר פאָטער איז געווען אַ קרעמער; נישט קיין גרויסער גביר, ווי מען קען זיך פאָרשטעלן. אונזער פרייד האָט געדויערט גאַנצע צוויי יאָר. ביז איין פרימאָרגן איז אונזער טייערע עטעלע פאַרשוואונדן. איך האָב אָן איר נישט געקענט לעבן. מיר זענען געלאָפן צו איר פאָטער פרעגן: ווו איז עטעלע? האָט ער זיך געבייזערט, מיר זאָלן מער נישט קומען, זי איז אַוועקגעפאָרן. דער פאָטער איז געווען אַ קרעמער, פאַר אַ גראָשן הערינג, פאַר אַ גראָשן ציקאָריע. צוריקגייענדיק האָט מיך צוגערופן דורכן פענצטער אַ פרוי. זי האָט געוואָלט וויסן, פאַרוואָס מענטשן זאָגן, אַז איך בין נישט נאָרמאַל. זי האָט מיך געפרעגט, צי איך וויל ווערן אַ שניידערין. האָב איך איר געענטפערט אַז יאָ, מיט פאַרגעניגן. דער מאַן אירער האָט מיר געגעבן אַ שיין שטיקל שטאָף, און מיר געזאָגט, אַז ער וועט מיר לערנען שניידעריי.

איך בין ביי אים געווען אַ שטיקל צייט. געלערנט זיך דאָס פאַך. איך האָב איינמאָל געהערט ווי זיין ווייב רעדט אים געלט. עס איז געווען דאַנערשטיק פאַרנאַכט, צו גיין איינקויפן אויף שבת. האָט ער איר געזאָגט, אַז ער האָט נישט. זיי האָבן זיך גענומען קריגן, ביז עס איז דערגאַנגען צו פּעטש. איך האָב עס נישט גע־

קענט אַריבערטראָגן בין איך אַרויסגעשפּרונגען דורכן פענצטער.

דערנאָך האָט דער שניידער געזאָגט אויף מיר: אַז מען זאָגט משוגע, גלויב...

די צייט גייט. איך קען שוין גוט לייענען די צאינה וראינה. מיין לערער פאַנגט מיט מיר אָן שרייבן רוסיש, אביסל פּויליש. מיין טאַטע פאַרלאַנגט איך זאָל זיך לערנען פירן דיווירטשאַפט, כ׳זאָל ווערן אַ לייט.

פון צייט צו צייט האָב איך געפרעגט מיין מוטער: ווו איז עטע־לע פאַרשוווּנדן געוואָרן? מיין מוטער האָט מיר געוואָלט פאַר־רעדן, האָט זי מיך געפרעגט צי איך וויל פרייטיק אין דער פרי ווידער עפּעס אַוועקטראָגן צו מענטשן. איך האָב געענטפערט: יאָ. איך האָב נישט פאַרשטאַנען צוליב וואָס די מאַמע וויל מיר אַוועק־שיקן.

עס איז אַדורך אַ שטיקל צייט און כ׳האָב שוין צו ביסלעך אין עטעלען פאַרגעסן. ווען כ׳בין איינמאָל געשטאַנען לעבן אונזער הייזל איז שנעל אַדורכגעלאָפן אַן איינגעבאַבלטע יידענע מיט צוויי קוישלעך אויף די הענט. זי האָט אונטערגעהאַלטן איר פאַרבלאָטיקט קלייד. אין איין קוישל — אַ פּאָר ציבעלעס, אין צווייטן — אַ פּאָר עפּעלעך. זי איז געגאַנגען פון שטוב צו שטוב. ווען זי איז געקומען צו אונזער טיר, האָט זי געפרעגט מיין מוטער, צי זי וויל עפּעס קויפן ביי איר. מיין מוטער האָט שוין געוווּסט ווער ס׳איז, האָט זי איר געענטפערט: „יאָ... קום אַריין".

איך בין געווען זייער נייגעריק צו זען וואָס די יידענע האָט דאָרט צו פאַרקויפן. איך בין אַריין נאָך זיי אין שטוב. מיין מאַמע

האָט מיר נישט באַמערקט. זי האָט געזאָגט צו דער יידענע: „עטע־לע, זעץ דיך אַביסל אַנידער... רו זיך אָפּ...״.

ווי נאָר איך האָב דערהערט דעם נאָמען עטעלע, בין איך צו איר אַ שפּרונג צו געגעבן און געפרעגט:

— דאָס איז אונזער עטעלע?...

איך האָב מיך אַרום איר געדרייט און געזוכט אירע צוויי בלאָנ־דע, לאַנגע צעפּ, אירע שיינע, בלויע אויגן. איך האָב איר גע־פרעגט:

— עטעלע, וווּ האָסטו די צעפּ?...

זי האָט מיר גאָרנישט געענטפערט, אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ, און האָט געזאָגט:

— וועסט אַביסל עלטער ווערן, וועסטו זיך אַלץ דערוויסן... איצט לאָז מיך צורו.

איך האָב שוין פאַרשטאַנען, אַז מען האָט עטעלען פאַרקויפט צו אַ מאַן. איך האָב שוין נישט געגעסן, איך האָב אַ גאַנצע נאַכט נישט געקענט שלאָפן. אין דער פרי איז מיין מוטער מיך געקומען וועקן, בין איך געלעגן און געוויינט, פאַרוואָס עטעלע איז פאַר־קויפט געוואָרן, זי זאָל גיין פאַרדינען, דעם מאַן עסן צו געבן.

עטעלען האָט מען חתונה געמאַכט צו 14 יאָר פאַר אַ יונגן מאַן, אַ לערנער. עטעלעס פאָטער האָט זיך אונטערגענומען צו געבן זיי אַ יאָר קעסט. דער יאָר איז גיך איבערגעלאָפן, דערנאָך האָט ער זיי געהייסן אַליין גיין פאַרדינען זייער אויסקומעניש. האָט עטעלע גע־נומען אַ קוישל מיט אַ ביסל גרינס און איז געגאַנגען איבער די הייזער. זי איז געוואָרן די פּרנסה־געבערין.

איך האָב מיך פּלוצים דערזען אין עטעלעס לאַגע, און האָב מיך

געוווּנטשן בעסער דעם טויט, איידער צו ווערן אַזוי ווי די שיינע עטעלע. איך האָב מיין מוטער געזאָגט, אַז איך וויל זיך בעסער דערטרינקען אין דער ווייסל, איידער אויסזען ווי די שיינע עטעלע זעט אויס.

מיין פאָטער האָט אין וואַרשע אַ שוועסטער געהאַט. האָט ער פאַרציילט זיין שוועסטער, אַז אין זיין טאָכטער איז אַריין אַ דיבוק, און האָט זי געפרעגט וואָס מען טוט. האָט זי אים געזאָגט, אַז ער זאָל מיך ברענגען צו איר קיין וואַרשע. זי וועט מיר שוין אַרויס־טרייבן דעם דיבוק. ער איז אַהיימגעקומען און געהייסן מיין מוטער מיך צוגרייטן. ער וועט מיך מיטנעמען צו זיין שוועסטער. צוערשט בין איך נישט געווען אַזוי צופרידן, דערנאָך האָב איך מיר געטראַכט — איך וועל שוין זען וואָס כ'האָב צו טאָן.

די צייט לויפט. איך בין שוין 9 יאָר אַלט. איך האָב געגלויבט, אַז די מומע וועט מיר העלפן לערנען זיך אַ פאַך, און נישט ווערן אַ ניאַנקע ביי אירע קינדער. זעקס אַזייגער באַגינען האָט זי מיך שוין געוועקט מיט געשרייען און געוואַלדן. איך האָב נישט גע־וואָלט אויפשטיין, איך האָב נישט געוואָלט עסן. האָט די מומע גע־זען, אַז זי וועט מיט מיר גאָרנישט מאַכן, האָט זי געשריבן צו מיין מוטערס אַ קוזינקע אין וואַרשע, אַז זי דאַרף זיך מיט איר אַדורכ־שמועסן וועגן מיר.

שבת איז מיין מוטערס קוזינקע געקומען. זי האָט זיך מיט מיר זייער געפרייט. מיין מומע האָט איר אַריינגערופן אין צווייטן חדר און איר דערציילט, אַז זי האָט איר ברודער געוואָלט אַרויסהעלפן מיט אַ קינד, וואָס איז נישט נאָרמאַל. אין איר זיצט אַ דיבוק...

איך האָב נישט געוווּסט וועגן וואָס זי האָט גערופן מיין מאַמעס

קוזינקע. יענע האָט אַלץ רואיק אויסגעהערט. זי איז גראָד געווען זייער אַ קלוגע פרוי. נאָכדעם האָט זי מיר אַריינגערופן אין אַ צווייטן צימער, פאַרמאַכט די טיר און מיך גענומען אויספרעגן. איך האָב איר אויף אַלעם געענטפערט ווי ס'באַדאַרף צו זיין. האָט זי זיך צעוויינט און מיך באַדויערט: „משוגע — האָט זי געזאָגט — זענען די, וואָס מאַכן דיך משוגע"...

— זאָג מיר וואָס דו ווילסט, וועל איך זעען צי ס'איז מעגלעך דיר צו העלפן.

האָב איך איר געזאָגט, אַז כ'וואָלט געווען צופרידן זיך אויסצולערנען אַ פאַך. פרעגט זי מיך — וואָס ? האָב איך איר געזאָגט, אַז איך וויל זיך לערנען שניידעריי.

— ווו וועסטו עסן און שלאָפן ? אַז דיין מומע וויל זאָלסט זיין ביי איר אַ דינסט, אַנדערש וועט זי דיך נישט האַלטן...

האָב איך איר געפרעגט, צו ס'איז נישט מעגלעך צו געפינען אַ שניידערין, כ'זאָל אויך קענען ביי איר שלאָפן. עסן וועל איך טרוקנס.

טראַכט זי אַביסל און זאָגט:

— הער אויס, איך וועל פרעגן ביי מיין שניידערין, וועל איך הערן. זי גייט חתונה האָבן. אפשר וועט זי דיר באַדאַרפן.

זי האָט מיר צוגעזאָגט, אַז זי וועט פאַר מיר צאָלן, אָבער דער מומען זאָל איך גאָרנישט דערציילן.

אין אַ פאָר וואָכן אַרום האָט זי געשיקט אַ מיידל מיך רופן. עס איז געווען אַ שבת. זי האָט מיר איבערגעגעבן, אַז די שניידערין וויל מיך זען. איך זאָל דערווייל זיך האַלטן רואיק ביי דער מומען אין שטוב. אין אַ פאָר טעג אַרום האָט מען מיך גערופן צו דער שניידע־

רין. יענע האָט מיך אָנגעקוקט און געפונען, אַז איך זע אויס ווי אַ קינד. זי גלויבט נישט, אַז איך זאָל קענען מאַכן די שטוב־אַרבעט, גיין אַ גאַנג און לערנען זיך אַרבעטן. זי האָט מיר געפרעגט ווי אַלט איך בין. האָב איך איר געזאָגט, אַז באַלד ווערט מיר 10 יאָר. די שניידערין האָט געזאָגט, אַז איין לערן־מיידל האָט זי, אָבער יענע מאַכט נישט קיין גאַנג, טוט גאָרנישט אין שטוב, ווייל זי עסט נישט ביי איר, און דער פאָטער האָט צוגעצאָלט. אין צוויי וואָכן אַרום קומט פאַר איר חתונה, זאָל איך קומען צו איר אין דריי וואָכן אַרום, אין איר נייער דירה, וועט זי פאַרברייטן פאַר מיר אַ געלעגער.

ווען ס׳איז געקומען דער טאָג, האָב איך מיין מומען דערקלערט, אַז איך גיי אַוועק צו אַ שניידערין זיך לערנען שניידעריי, האָט מיר די מומע געזאָגט, אַז זי דערלויבט מיר נישט צו גיין, ביז דער טאַטע וועט קומען. האָב איך איר געענטפערט, אַז כ׳גיי און אַז דער טאַטע וועט קומען, זאָל זי אים שיקן צו מיר.זי האָט מיר אָבער נישט געלאָזט נעמען מיינע פאַר שמאַטעס. בין איך אַזוי אַוועק.

אין 10 טעג אַרום איז מיין פאָטער געקומען צולויפן. ער האָט מיר געוואָלט שלאָגן. די שניידערין האָט שוין פון אַלץ געוווּסט, האָט זי אים אָפּגעהאַלטן, אויסגערעדט, געטרייסט. זי האָט אָבער באַמערקט, אַז מיין פאָטער וויינט. האָט זי אים געטרייסט, געזאָגט, אַז כ׳בין אַ ווויל קינד און אַז ער וועט פון מיר האָבן נחת. ס׳איז אָבער געווען אונטער זיין כבוד, אַז ער זאָל האָבן אַ טאָכטער אַ שניידערין...

פון דעמאָלט אָן איז מיין פאָטער יעדע וואָך מיך געקומען זען. איך האָט אָפּגערעדט מיט דער מייסטערין, אַז ווען דער טאַטע קומט, זאָל זי מיך לאָזן זיצן ביי דער אַרבעט, ער זאָל נישט זען ווי כ׳טו שטוב־אַרבעט.

ווען ס'איז געקומען דער טאָג, האָב איך מיין מומען דערקלערט, אַז איך גיי אַוועק צו אַ שניידערין זיך לערנען שניידעריי. האָט מיר די מומע געזאָגט, אַז זי דערלויבט מיר נישט צו גיין, ביז דער טאַטע וועט קומען. האָב איך איר געענטפערט, אַז כ'גיי און אַז דער טאַטע וועט קומען, זאָל זי אים שיקן צו מיר. זי האָט מיר אָבער נישט געלאָזט נעמען מיינע פּאָר שמאַטעס. בין איך אַזוי אַוועק.

אין 10 טעג אַרום איז מיין פאָטער געקומען צולויפן. ער האָט מיר געוואָלט שלאָגן. די שניידערין האָט שוין פון אַלץ געוווסט, האָט זי אים אָפּגעהאַלטן, אויסגערעדט, געטרייסט. זי האָט אָבער באַמערקט, אַז מיין פאָטער וויינט. האָט זי אים געטרייסט. געזאָגט, אַז כ'בין אַ ווויל קינד און אַז ער וועט פון מיר האָבן נחת. ס'איז אָבער געווען אונטער זיין כבוד, אַז ער זאָל האָבן אַ טאָכטער אַ שניידערין...

פון דעמאָלט אָן איז מיין פאָטער יעדע וואָך מיך געקומען זען. איך האָבן אָפּגערעדט מיט דער מייסטערין, אַז ווען דער טאַטע קומט, זאָל זי מיך לאָזן זיצן ביי דער אַרבעט, ער זאָל נישט זען ווי כ'טו שטוב־אַרבעט.

ס'איז מיר נישט געווען אַזוי פריילעך. כ'האָב געמוזט גיין אַלע גענג, פאָדלאָגעס וואַשן, 8 אַרבעטאָרינס באַדינען. זיי האָבן מיר אויך געגנוג אַרומגעטריבן, כ'זאָל זיי ברענגען פרישטיק. האָב איך פּאָר איינע געברענגט אַ קאָפּ פון אַ הערינג, האָט זי געוואָלט אַן עק, די צווייטע — פאַרקערט. איך האָב אַלץ געדולדעט. פון 6 אין דער פרי ביז 3 נאָכמיטאָג בין איך געווען פאַרנומען מיט גענג און שטוב־אַרבעט. די קרעמער פלעגן זיך וווּנדערן, ווי אַזוי אַזאַ קינד פאַרשטייט שוין אַלץ איינצוקויפן, און אַזוי פרי שוין צו זיין אין גאַס. איך האָב פאַר־

שטאַנען, אַז איך מוז איצט אַלץ טון, כדי שפּעטער צו זיין אַ מענטש. אײן זאַך האָב איך נישט געקענט לײכט אַריבערטראָגן — די באַהאַנדלונג פון דער מײנסטערין לגבי די עלטסטע אַרבעטאָרינס. ווען אַן אַרבעטערינע האָט עפּעס נישט ריכטיק געמאַכט, פלעגט די מײנסטערין זי זידלען מיט די געמײנסטע רײד. איך האָב אַראָפּגעלאָזן די אויגן און רויט געוואָרן, פאַר שאַנדע. איך האָב נישט געקענט באַגרײפן ווי אַזוי אַן אַרבעטערין, אַ פרײלין פון 25 יאָר, וואָס פאַרדינט שוין אַ רובל אַ וואָך, זאָל זיך לאָזן זידלען: „נאַכט־טאָפּ, ווי אַזוי האָט איר גענייט?"... דאָס בלוט איז מיר פאַרגליווערט געוואָרן.

און עס איז גראָד שוין אין יענער צייט געווען אַן אַרבעטער־באַוועגונג, אַן אומלעגאַלער פאַראיין. ווען די מײנסטערין איז נישט געווען, פלעג איך, אַלס לערן־מײדל, זיי פרעגן:

— ווי קענט איר איבערטראָגן אַזאַ שפּראַך?

האָבן זיי מיר געענטפערט:

— מיר מוזן אַרבעטן. מיר ווילן נישט שטרייקן.

— ווען איך וועל זיין גרויס — האָב איך זיי געענטפערט — און קענען אַרבעטן, וועט אַ מײנסטערין צו מיר אַזוי נישט רעדן...

## קאַפּיטל 2

מיין לער־צייט איז שוין באַלד געווען פאַרענדיקט. אין משך פון דער צייט האָט מיין מוטערס אַ שוועסטער חתונה געהאַט. די מומע האָט מיר געזאָגט, אַז כ'וועל קענען זיין ביי איר. איך האָב שוין געקענט גוט ארבעטן. איך האָב מיין מומען גערופן צו דער מיינסטערין און זי, די מיינסטערין, האָט צו איר אַזוי געזאָגט:

— איר וועט האָבן נחת פון דער קליינער. זי וועט פאַרדינען אַ האַלבן רובל אַ וואָך. די קליינע חיהלע האָט אַלץ גוט געמאַכט. זי האָט אַ גוטן קאָפּ...

די מומע האָט מיך געקושט פאַר פרייד. ביי איר האָב איך זיך געפילט גוט. איך בין ביי איר געשלאָפן. זי האָט מיך גוט פאַר־שטאַנען, האָט נישט געוואָלט „ארויסטרייבן פון מיר דעם דיבוק"... מיין לעבן האָט זיך געענדערט צום בעסערן. מיין פאַרדינסט האָב איך מיין מומען געבערענגט אין דער האַנט אַריין. זי האָט גערופן צו מיר אַ לערער, געקויפט אַלץ, וואָס כ'האָב נויטיק געהאַט. ווען

מיין פאָטער איז געקומען צו פאָרן, האָט אים די מומע פאַרגעהאַלטן, פאַרוואָס ער האָט דערזען אין מיר „אַ דיבוק״...

אין אַ טאָג, ווען כ׳בין געגאַנגען צו דער אַרבעט, איז אַדורכגעגאַנגען אַ יונגערמאַן, מיך אָנגעקוקט. כ׳בין אים, זעט אויס, געווען קענטלעך. ער האָט מיך אָפּגעשטעלט און געזאָגט, אַז ער האָט מיך שוין ערגעץ געזען. דאָס איז געווען, האָט זיך אַרויסגעוויזן, איינער פון מיין שטעטל. אַ שכנס אַ יינגל. ער פלעגט דער מאַמען העלפן טראָגן אַ פּעקל וועש צום טייך. אָרעמע מענטשן געווען. זיין מוטער פלעגט ביי מיין מאַמען בעטן זי זאָל לאָזן פאָרן יינגל די ביינער פון שבת, וועט ער זיי פאַרקויפן און האָבן אויף אַ שטיקל ברויט. ער איז אַרומגעלאָפן באָרוועס און הונגעריק.

מיר האָבן זיך ביידע אַלץ דערמאָנט. ער האָט זיך אַפילו געגנוי דערמאָנט ווי איך האָב אויסגעזען, אַז מ׳האָט געזאָגט — אין מיר איז אַריין אַ דיבוק... ער האָט מיך געפרעגט וואָס איך מאַך אין וואַרשע, האָב איך אים געענטפערט, אַז כ׳בין אַ שניידערין. האָט ער מיר געגעבן אַ גלעט איבערן קאָפּ און מיר געזאָגט:

— איך האָף, אַז דער דיבוק וועט דיך פירן אויפן ריכטיקן וועג.

ער האָט מיר דערציילט, אַז ער אַרבעט ביי פלייש. איצט גייט ער באַוואַכן אַלע יאַטקעס מיט אַ רעוואָלווער אין האַנט... ער איז אַ רעוואָלוציאָנער. ער האָט זיך גערופן יאַקל פּלאָדזשאַזש, און איז געווען, ווי ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַ בונדיסט.

עס איז אַמאָל אין אונזער וואַרשטאַט אַרויפגעקומען מיין מיינסטערינס אַ ברודער. האָט די מייסטערין אים געטריבן, געכאַפּט און

שנעל די טיר פֿאַרהאַקט. דער ברודער אירער איז געווען אַן אָרגאַ־ניזירטער אַרבעטער, אויך אַ שניידער.

מיר האָבן געאַרבעט 17 שעה אַ טאָג; ווען אַן אַרבעטערינע האָט געוואָלט גיין אַהיים, ווייל ס׳איז שוין געווען 11 ביינאַכט, האָט די מייסטערין געזאָגט, אַז די טויערן זענען נאָך אָפֿן, מען דאַרף נישט אויפֿהערן אַרבעטן.

דער ברודער אירער האָט מיך דערנאָך געטראָפֿן אויף דער גאַס און זיך אָפּגערופֿן צו מיר:

— איך גלויב, קליינע חיהקע, אַז וועסט אויסלערנען מיין שוועסטער ווי אַזוי צו באַציען זיך צו אירע אַרבעטערינס...

איך בין שוין דאַן געגאַנגען יעדן שבת אויף יוגנט־גרופּן.

דערווייל איז ביי מיין יונגער מומען געבוירן געוואָרן אַ קינד. איר מאַן, אַ שניידער, האָט געאַרבעט ביי יענעם. איך האָב נישט געקענט אַוועקלויפֿן פֿון שטוב, נישט צוצוהעלפֿן איר אַביסל. בין איך איינ־מאָל אַוועק צו דער אַרבעט מיט 10 מינוט שפּעטער. איך בין שנעל געלאָפֿן. ווען איך בין אַריינגעקומען, האָט מיר די מייסטערין אָנ־גענומען ביי דער האַנט און מיך צוגעפֿירט צום זייגער. איך האָב איר געענטפֿערט, זי זאָל צוריקדרייען דעם זייגער, וועט עס זיין פּינקטלעך, ווייל איך האָב נישט פֿאַרשפּעטיקט מיט קיין האַלבע שעה. האָט זי גלייך געזאָגט איר מאַן, ער זאָל מיר באַצאָלן פֿאַר דער וואָך און כ׳זאָל גיין.

דריי יאָר האָב איך ביי איר געאַרבעט. איך בין דאַן אַלט געווען 13 יאָר.

ס׳איז מיר געווען ביטער אויפֿן האַרצן. איך בין צו דער מומען נישט אַהיימגעגאַנגען, נאָר גלייך אַוועק אויף דער בערזע. קיין שניי־

דער־פאַריינען אין אַ לאָקאַל זענען נאָך דאָן נישט געווען, נאָר בער־זעס פון פאַכן. איך האָב זיך געפרעגט אויפן פאָרשטייער פון די שניידער. דאָס איז געווען אויף נאַוואָליפּקי גאַס. מען האָט מיר פאַר־געשטעלט אַ מיידל, אַ פאָרשטייערין. זי האָט מיך אָנגעקוקט, גע־שמייכלט און מיר געזאָגט, אַז איך בין נאָך צו יונג. איך זאָל ברענ־גען אַן עלטערע אַרבעטערין. האָב איך איר דערקלערט, אַז די על־טערע אַרבעטערינס וועלן נישט קומען, זיי וועלן צוליב מיר נישט שטרייקן. פרעגט מיך די פאָרשטייערין: וויפיל אַרבעטערינס זענען פאַראַן ביי אייך אין וואַרשטאַט? האָב איך געזאָגט — 8. לאַכט זי:

— פון 8 קומט די יונגסטע. עס מוזן קומען צוויי עלטערע.

ס׳האָט מיך זייער פאַרקלעמט ביים האַרצן און כ׳האָב זיך צע־וויינט.

ס׳איז אָנגעקומען דער פאָרשטייער פון די שניידערס און באַ־מערקט ווי איך שטיי ביי אַ וואַנט און וויין. האָט ער געפרעגט דער פאָרשטייערין וואָס ס׳איז געשען, און זי האָט אים אַלץ דערציילט. האָט ער געזאָגט:

— מען דאַרף דאָס קינד אויסהערן.

איך האָב אים דערביי אויך דערציילט וועגן דער מיינסטערינס ברודער. איך האָב אים געזאָגט זיין נאָמען, האָט ער גלייך געוווסט ווער דאָס איז. ער האָט באַלד גערופן צוויי פאָרשטייער, זיי זאָלן מיט מיר מיטגיין און זען וואָס עס גייט דאָרט פאָר.

ווען מיר זענען אַרויפגעקומען, זענען די אַרבעטערינס געזעסן און ווי קיינמאָל גאָרנישט, געאַרבעט. זיי האָבן מיר אָבער איינגע־רוימט, אַז די פאָרשטייער פון פאַראיין זאָלן צו זיי הייבן זייערע

שטעקנס, אַז די מייסטערין זאָל עס זען, אַז זיי זענען געצוווּנגען צו וואַרפן די אַרבעט...

איך האָב עס, שמייכלענדיק, געזאָגט די פאָרשטייער. האָבן זיי שוין געזען מיט וועמען זיי האָבן צו טון. זיי האָבן באַלד געהויבן די שטעקנס. זיי האָבן דער מיינסטערין געמאָלדן, אַז ביז זי וועט זיך מיט מיר נישט פאַרשטענדיקן און אויסגלייכן, וועט די פאַבריק זיין פאַרשטרייקט. זיי האָבן פאַרלאַנגט, אַז די אַרבעטערינס זאָלן מיט־גיין מיט זיי אויף דער בערזע. האָבן די מיידלעך געענטפערט, אַז זיי ווילן נישט שטרייקן, אַז פאַר זיי איז די מיינסטערין גוט, נאָר זיי וועלן זיך נישט צוריקזעצן צו דער אַרבעט אויס מורא... עס איז אויך פלוצים אַריינגעקומען דער ברודער פון דער מיינסטערין און פאַרציילט ווי אַזוי די שוועסטער באַהאַנדלט אירע אַרבעטערינס און אַז זיי בייגן פאַר איר די קעפּ.

דער שטרייק האָט זיך פאַרשלעפּט צוויי חדשים. מיין פאָטער און מיין מוטער האָבן נישט געוווּסט דערפון. איך האָב מורא געהאַט פאַר זיי אַ וואָרט אַרויסצורעדן. נאָך די צוויי חדשים האָבן די פאָרשטייער צוגעשיקט צו דער מיינסטערין אַ בריוו, אַז אויב זי וועט נישט פאַר־ענדיקן מיטן שטרייק, וועט זי ווערן באָיקאָטירט און זי וועט מוזן באַצאָלן די אַרבעטערינס פאַר דריי חדשים, אַז זי וועט מער קיין פאַבריק נישט טאָרן פירן... זי וועט טייער באַצאָלן...

ערשט דעמאָלט האָט זי געשיקט רופן די אַרבעטערינס, און זיי געזאָגט, אַז זי וויל ענדיקן מיטן שטרייק. די אַרבעטערינס האָבן איר געזאָגט אַז זיי וויסן פון גאָרנישט, זיי זענען גאָט די נשמה שולדיק... האָט די מיינסטערין געזאָגט מען זאָל גיין מיך רופן.

ווען זיי זענען געקומען צו מיר, האָבן זיי מיך פאַראַטן פאַר מיין

מומען, ווייל מיין מומע האָט גאָרנישט געדאַרפט וויסן, אַז איך האָב אַרויסגערופן דעם גאַנצן שטרייק. די שולד איז, אייגנטלעך, געווען אירע. עס איז דאָך געווען מענטשלעך עפּעס צו טון פאַר איר, ווען זי איז געלעגן אין קימפּעט.

דערווייל האָט זיך מיין פאָטער אויך דערוווסט פון דעם אַלעמען, וואָס איז זיך פאַרלאָפן. עס איז נישט געווען פריילעך מיין לאַגע. ס'האָט געהייסן אַז נאָר איך האָבן געוואָלט שטרייקן. אַזוי האָבן זיך אָנגעהויבן פאַר מיר פרישע צרות.

איך בין אַוועק צו דער מיינסטערין מיט די פאָרשטייער, וואָס האָבן אָנגעפירט מיטן שטרייק. די פאָרשטייער האָבן געפאָדערט, אַז אַן עלטערע אַרבעטערין זאָל ווערן דעלעגאַטקע, אָבער זי האָט נישט געוואָלט, קיין איינע האָט נישט געוואָלט. זיי האָבן אַלע געוואָלט ווייזן די מיינסטערין, אַז זיי זענען אין דעם שטרייק גאָרנישט שול־דיק. די פאָרשטייער האָבן מיך אַוועקגערופן אין אַ זייט און געזאָגט, אַז איך מוז זיין די דעלעגאַטקע. האָב איך שוין געזען, אַז איך האָב נישט קיין אנדער ברירה. די פאָרשטייער האָבן אָנגעזאָגט די אַרבע־טערינס, אַז זיי וועלן מוזן טון אַלץ אַזוי, ווי איך וועל באַשטימען.

מיר זענען געקומען צו דער אַרבעט 9 אַ זייגער. פרישטיק — אַ האַלבע שעה. דאָס לערן־מיידל האָט געברענגט קאַפּע פון אַ קאַוויאַר־ניע. מיר טאָרן נישט בלייבן אין דער אַטעליע אַרבעטן לענגער ווי ביז 7 פאַרנאַכט. דער מיינסטערין איז עס געווען שווער אַריבערצוטראָגן. ווען עס איז געווען די צייט פון פרישטיק, פלעגט זי זאָגן:

— דעלעגאַטקע, מען מעג שוין עסן.

דאָס זעלבע — ביי מיטאָג, ווי אויך ביינאַכט. זי האָט שוין מער נישט געזאָגט, אַז די טיר איז אָפן... ווען עס איז אַריינגעקומען אירס

אַ קליענטקע, פלעגט די מיינסטערין פרעגן מיט איראָניע: „זי ווילן אפשר קענען מיין דעלעגאַטקע?"... האָט די קליענטקע געזאָגט: יאָ! די מיינסטערין האָט געוויזן אויף מיר און געזאָגט: „איך האָב די ערע איך פאָרצושטעלן"...

ווען דער מיינסטערינס ברודער האָט מיך געטראָפן אין גאַס, האָט ער מיך געקושט פאַר פרייד, אַז איך האָב זיין שוועסטער אויסגע־לערנט צו זיין מענטשלעך צו אירע אַרבעטערינס. איך האָב אים געענטפערט, אַז עס איז מיט איר נאָך נישט דערליידיקט. זי רעדט נאָך מיט גאַל.

איך האָב נאָך געאַרבעט ביי איר 6 חדשים און האָב זי פאַרלאָזט איך האָב געקריגן אַ פיל בעסערן פלאַץ, מיט אַן אָנשטענדיקער באַציאונג צו די ארבעטער. איך בין שוין דאַן אַלט געווען 14 יאָר. די עלטערן האָבן געוואָלט איך זאָל אַהיימקומען. עס איז מיין פאָטער נישט געווען צום האַרצן דער וועג, וואָס כ'האָב אויסגעקליבן. מיין מומען איז, ווידער, נישט געפעלן, וואָס איך גיי יעדן שבת אין דער פרי אַוועק שפּאַצירן מיט דער יוגנט.

עס איז דאַן צו אונז דערגאַנגען וועגן די געשעענישן מיטן ווילנער שוסטער־יינגל, הירש לעקערט. מיר זענען אַלע געווען אויפגע־טרייסלט. די יידישע יוגנט־גרופּן האָבן זיך געגרייט צום קאַמף מיט די צאַרישע הענקער.

ערשט אין אָקטאָבער פון 1905 האָט די פינצטערע צאַרישע מאַכט צוגעזאָגט דעם אונטערדריקטן פאָלק צו געבן אַ פרייע קאָנסטי־טוציע. אין וואַרשע איז געלייענט געוואָרן די קאָנסטיטוציע אויף די באַלקאָנען פון טעאַטער־פּלאַץ. די וואַרשעווער גאַסן זענען געווען אילומינירט מיט לעמפּלעך. ס'האָט אויסגעזען יום־טובדיק. עס זענען

געשטאַנען גרויסע פּלאַטפאָרמעס, וועגן, דראָזשקעס, צו פירן די מאַסן מענטשן אויפן טעאַטער־פּלאַץ. אין דעם פייערלעכן פרימאָרגן בין איך געגאַנגען איבער די גאַסן, צו זען דאָס גרויסע גליק. איך האָב מיין מיינסטערין געזאָגט, אַז נאָך מיטאָג קום איך נישט צו דער אַרבעט. זי האָט שוין פאַרשטאַנען, און גאָרנישט גערעדט. מיין מומען האָב איך גאָרנישט געזאָגט, איך האָב געוווסט, אַז זי וועט זיין נישט רואיק.

די פאַנטאַזיע קען זיך גאָרנישט פאָרשטעלן וואָס פאַר אַ פרייד און יום־טוב־שטימונג עס האָט געהערשט אין די וואַרשעווער גאַסן.

איך בין אַוועק אַהיים עסן צו מיין מומען, זי צו באַרואיקן, און בין באַלד אַראָפּ. איך האָב דערזעען אַ גרויסן פּלאַטפאָרם־וואָגן, פול באַזעצט. עמיצער האָט מיר דערלאַנגט די האַנט און איך בין שוין מיט זיי אויפן וואָגן. אויפן טעאַטער־פּלאַץ האָט מען זיך נישט מער געקענט דורכשלאָגן. עס איז געווען אַ טויט־שטילשווייגן אַ פּאָר מינוט, און באַלד האָבן מיר דערהערט זאַלפּן פון ביקסן. די קוילן זענען געפלויגן פון הינטער די זיילן פון טעאַטער־בנין. עס איז געוואָרן אַ שרעקלעכע פּאַניק. פיל זענען געפאַלן טויט. פיל זענען פאַרוווּנדעט געוואָרן. מענטשן זענען געלאָפן אין אַלע זייטן. די געשעפטן זענען באַלד פאַרהאַקט געוואָרן. די גאַנץ ארום טעאַטער־פּלאַץ האָבן אויסגעזען ווי נאָך אַ שלאַכטפעלד. אַלע לאָמפּן פאַרלאָשן.

איך בין געלאָפן און זיך קוים דערשלאָגן צו דער נאַוואָליפּיע גאַס. דאָ איז געווען די גאַס, וווּ מיין מומע האָט געוווינט. איך האָב גענוג געהאַט אויסצושטיין, ווען די מומע האָט דערזען, ווו איך זע אויס. זי האָט באַלד פאַרשטאַנען, אַז כ'בין געווען אויפן טעאַטער־פּלאַץ.

„דאָס — האָט זי געזאָגט — וועט זי שוין נישט שווייגן".

ענדע וואָך איז מיין פאָטער געקומען, און די מומע האָט אים אַלץ פאַרציילט, וואָס זי האָט איבערגעלעבט צוליב מיר. ער האָט שוין אין שטעטל געהערט, וואָס אין וואַרשע טוט זיך אָפּ. די מאַמע האָט שוין געמיינט, אַז זי האָט שוין מער נישט קיין לעבעדיקע טאָכ־טער. דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז איצט איז די העכסטע צייט כ'זאָל מיט אים אהיימפאָרן. איך וועל אין דער היים אויך קענען אַרבעטן.

„באַזונדערס — האָט ער געגעבן אָנצוהערן — ביסטו שוין אַלט 15 יאָר". איך האָב גוט פאַרשטאַנען מיט וואָס דאָס שמעקט. איך האָב אים אָבער געזאָגט, אַז איצט האָב איך א גוטן פּלאַץ צו אַרבעטן און קען גוט פאַרדינען.

„אויב דו ווילסט נישט פאָרן — האָט ער געזאָגט — וועט דיר פּאָליציי אַהיימברענגען, ווייל דו האָסט נישט קיין פּאַס"...

מיין פאָטער האָט מיר אָבער צוגעזאָגט, אַז ער וועט מיר קויפן אַ נייע מאַשין און איך וועל אין דער היים קענען זיצן און אַרבעטן. אפשר וועט עס אויך פירן צו אַ צוועק... איך האָב ביי זיך אין דער שטיל געטראַכט: טאַטע, עס דאַכט זיך דיר... איך האָב מיין פאָטער געזאָגט, מיר זאָלן דערווייל קויפן אַן אַלטע מאַשין, שפּעטער וועלן מיר זען. איך האָב אים אַוועקגעפירט צו אַ מעכאַניקער, געקויפט אַן אַלטע מאַשין, מיטגענומען אַ מאָדע־זשורנאַל, מיין גאַנץ פאַרמעגן, און בין מיטגעפאָרן אַהיים.

## קאַפּיטל 3

ווען כ'בין אַהיימגעקומען, איז מיין מוטער געווען איבערגליקלעך. קיין „דיבוק" האָב איך מער נישט. איך קען שוין אַ פּאַך. איך האָב באַלד געקריגן אַ שם פֿאַר אַ גוטער וואַרשעווער שניידערין. דעם פֿאַרדינסט האָט מיר מיין פֿאָטער געהייסן באַהאַלטן פֿאַר אַ „צוועק".

עס זענען אַריבער אַ פּאָר חדשים, האָבן אָנגעהויבן שבת־צונאַכטס קומען שדכנים אין שטוב אַריין. מיין פֿאָטער האָט גאָרנישט דערוועגן גערעדט מיט מיר, נאָר ער האָט זיי געענטפֿערט, אַז ער וועט מיך פֿרעגן. ער האָט מורא געהאַט, און איך האָב אין מיר געלאַכט, אַז מיין פֿאָטער פֿאַרשטייט שוין וואָס איך וועל ענטפֿערן. און ווען ער האָט מיך געפֿרעגט, האָב איך געענטפֿערט:

— לאָזט מיך צורו... איך געדענק נאָך עטעלען...

נאָך אַ יאָר אָפּזיין אין שטעטל, האָב איך געזוכט וועגן ווי אַזוי צו מאַכן זיך אַ פּאַס. איך האָב אַמאָל אויף אַ שבת־שפּאַציר זיך געטראָפֿן מיט אַ'באַקאַנט ייִנגל, אַ שניידער. אויך ער האָט געאַרבעט

אין וואַרשע. האָט ער געזאָגט, אַז ער איז געקומען אַרויסנעמען דאָ אַ. פּאַס.

האָב איך אים געפרעגט, צי ער אַליין גייט וועגן אַ פּאַס, צי מיט זיין פאָטער. האָט ער מיר געענטפערט, אַז ס'איז דאָ אַ יידל, וואָס מאַכט אַ פּאַס פאַר אַ האַלבן רובל. ער וויל נאָר האָבן אַן אונטערשריפט פון פאָטער. ער האָט מיר געזאָגט ווי דאָס יידל הייסט און ווו מען געפינט אים. מיך האָט זייער געפרייט זיך דאָס צו דערוויסן. איך בין שוין אין שטעטל באַלד אַ יאָר. עס ווערט כסדר גערעדט הינטער מיינע פּלייצעס וועגן אַ שידוך טון, וועגן חתונה מאַכן מיר. אָבער איך בין זייער ווייט דערפון.

אויב אַז איך קען זיך מאַכן אַ פּאַס, האָב איך ווידער געטראַכט, וווהין איך וועל פאָרן, צו קענען זיין אַ פרייער מענטש? אין לאָדזש האָב איך געהאַט צוויי קוזינעס,ביידע פאַרהייראַטע. איינמאָל האָב איך זיך דערוווסט, אַז איין קוזינע קומט צוגאַסט צו אירע עלטערן אויף פּסח. בין איך צו זיי געגאַנגען. זיי האָבן זיך מיט מיר זייער געפרייט. זיי האָבן שוין געהערט אויף וואָס פאַראַ וועגן איך גיי; אַז מיין פאָטער האָט מיך מיט געוואַלד אַהיימגעברענגט, ווייל איך האָב נישט קיין פּאַס. איך האָב זיי געפרעגט ווי אין לאָדזש זעט אויס מיט שניידעריי. האָבן זיי מיר געענטפערט, אַז שניידערינס פאַרדינען זייער גוט. איך זאָל קומען. נאָך האָבן זיי מיר פאַרציילט, אַז אין לאָדזש זענען דאָ צוויי ברידער, בונדיסטן. זיי וועלן זיך מיט מיר פאַרנעמען. זיי וועלן שוין מיט זיי רעדן וועגן מיר.

איך האָב מיט קיינעם מער נישט גערעדט דערפון, האָב געלעבט מיט דער האָפענונג, אַז מיין לאַגע וועט זיך אינגיכן ענדערן, אַז כ'וועל

נישט מוזן בלייבן אין טיפן זומפיקן שטעטל. איך האָב דערוויל אָנגעפּאַנגען אוועקצולייגן אביסל געלט.

ווען די קוזינע איז אַהיימגעפאָרן, האָט זי דאָרט גערעדט מיט די צווי ברידער. איינער איז געווען אַ בונדיסט, דער צווייטער — אַ עס. דעק. (סאָציאַל־דעמאָקראַט). זיי האָבן מיר גלייך געשריבן, אַז איך קען שוין קומען. שטילערהייט האָב איך אַלץ צוגעגרייט. עס איז געווען פאַר מיר אַ שווערער שריט אין לעבן. אָבער אַזוי האָב איך געמוזט האַנדלען. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז פריער פאַר אַלעם דאַרף יעדער יונגער מענטש זיך שטעלן אין די רייען פון קאַמף קעגן דער נישט־גערעכטער אָרדענונג, וואָס הערשט אויף דער וועלט. אָבער אונזערע עלטערן האָבן דאָס דעמאָלט, ליידער, נישט פאַרשטאַנען.

איך האָב מיר לאַנגזאַם צוגעגרייט אַ פּאַס, אַרויסבאַקומען מיין פּאַטערס אונטערשריפט. איך האָב דאָס יידל געגעבן אַ האַלבן רובל און ער האָט מיר געבערענגט אַ פּאַס, נישט פון מיין עלטער, ווייל איך בין דאַן אַלט געווען נישט מער ווי 16 און אַ האַלב יאָר. מיין עלטערע שוועסטער, וואָס איז געשטאָרבן, איז נישט געווען אויסגעמאָלדן. דאָס יידל האָט עס געוווסט, האָט ער צו איר געבורט־שיין צוגעגעבן מיין נאָמען. איך האָב מיך אַליין געטרייסט, אַז צוליב אַ גוטן ציל מעג מען באַנוצן אַ שלעכט מיטל... איך האָב מיך צוגעגרייט פון מיין פאַרדינסט אַביסל געלט. די לאָדזשער חברים האָבן אַלץ וועגן מיר געוווסט, אפילו, וועגן דעם, אַז מ׳האָט מיך איינגערעדט, אַז אין מיר זיצט אַ דיבוק...

אין שטוב האָט מען ווידער אָנגעהויבן רעדן וועגן אַ שידוך פאַר מיר. 16 און האַלב יאָר — האָבן מיינע עלטערן שוין געהאַלטן, אַז איך בין אַן אַלטע מויד... איך האָב אָנגעהויבן צוגרייטן מיין מוטער, אַז

איך פיל זיך דאָ נישט גוט, איך וויל אביסל פאָרן קיין לאָדזש צו די קוזניקעס, אויף איין חודש. איך וועל זיך אביסל אָפּרוען, וועל איך ווידער קומען אַהיים. איך וויל אביסל ענדערן מיין שטימונג. איך האָב נישט פאַרציילט, אַז איך האָב שוין אַ פּאַס. מיין פאָטער האָב איך געזאָגט, אַז איך וויל מיט אים אַביסל דורכפאָרן זיך קיין וואַרשע און בלייבן, ביז ער וועט דאָס צווייטע מאָל קומען. איך האָב נישט געהאַט קיין אַנדערע עצה... דעם אמת טאָר איך נישט אויסזאָגן. די מאַמע האָט געוויינט. איך האָב מיין מאַמען געטרייסט: „זאָל זיך דיר דאַכטן, אַז איך האָב חתונה געהאַט, און פאָר מיט מיין מאַן אַוועק". האָט מיין מוטער מיט טרערן געענטפערט: „הלוואי וואָלט עס שוין אַזוי געווען".

אַז איך האָב ביי זיך אַ פּאַס, איז מיינע עלטערן נישט איינגעפאַלן. ווען מיין פאָטער ווייסט וועגן מיין פּלאַן וואָלט איך שוין נישט געפאָרן. איך האָב גענומען אַ קליינע וואַליזקע און מיטגעפאָרן מיט מיין פאָטער. ווען מיר זענען געקומען קיין וואַרשע, איז מיין פאָטער אַוועק צו זיינע סוחרים. איך האָב געוואַרט אויף אים. איך האָב זיך געוואָלט מיט אים געזעגענען. מיין מאַמען האָב איך געזאָגט, אַז איך פאָר אויף 2 וואָכן קיין לאָדזש. איך האָב געוווסט ווען עס איז דאָ אַ באַן, האָב איך מיין פאָטער פאַרגעלייגט, ער זאָל מיך באַגלייטן צו דער באַן. איך פאָר אויף 2 וואָכן קיין לאָדזש. די פאַמיליע לאַדט מיך איין. מיין פאָטער האָט זיך אַביסל געוווּנדערט. האָט מיך אָבער באַגלייט, האָט זיך מיט מיר געקושט און זיך צעוויינט. איך האָב מיין פאָטער געפרעגט פאַרוואָס ער וויינט, האָט ער מיר נישט געענטפערט. עס האָט אים עפּעס נישט געשמעקט מיין פאָרן. איך האָב זיך אויך צעוויינט.

אין לאָדזש בין איך אָנגעקומען דעם 1־טן מאי. אין וואַרשע האָט מען גאָרנישט דערקענט, אַז עס איז דער 1־טער מאי. לאָדזש האָט מיר אויסגעזען ווי נאָך אַ גרויסן שטורעם, אַ פּאָגראָם. איך האָב ביי דער באַן לאַנג געוואַרט אויף אַ דראָזשקע. איך האָב געהאַט דעם אַדרעס פון מיינע לאַנדסלייט. זיי האָבן זיך געוווּנדערט, וואָס איך בין געקומען דעם 1־טן מאי. זיי האָבן מיך אָבער האַרציק אויפגענומען, מיך געטרייסט און געזאָגט: „מען קעמפט״.

געקומען בין איך אין שטוב פון דעם בונדיסט. ער האָט געהאַט אַ פרוי און אַ קינד. איך האָב זיך ביי זיי אויסגערוט פון דער רייזע. דעם אַנדערן טאָג, נאָך דער ארבעט, אַרום 6 פאַרנאַכט, איז דער חבר משה גרינפּאַס מיט מיר אַריבערגעגאַנגען אין נאָדל־פאַראיין. אין וואַרשע איז נאָך קיין פראָפעסיאָנעלער פאַראיין אין אַן אייגענעם לאָקאַל נישט געווען. אין לאָדזש זענען אין 1907 יאָר שוין געווען 6 לעגאַלע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען: אַ טעקסטיל־פאַראיין, אַ בעקער־פאַראיין, אַ דרוקער־פאַראיין, 5 אָנגעשטעלטע־פאַראיינען, 5 זאָקן־מאַכער־פאַראיינען. מען האָט געקעמפט, געשטרייקט און געוווּנען, אויסצובעסערן די באַדינגונגען פון אַרבעטער. אין נאָדל־פאַראיין, האָט דער חבר משה גרינפּאַס מיר פאָרגעשטעלט פאַר די חברים לייבעטשקע בערמאַן און זיין פרוי רוטא. זי איז געווען סעקרעטאַרין און ער — דער פאַרשטייער פון צ. ק.

איך בין געווען איבערגליקלעך זיך צו טרעפן מיט אַזעלכע וויכטיקע חברים. דער חבר משה גרינפּאַס האָט אריינגערופן חבר לייבעטשקע אין אַ צווייטן צימער און אים פאַרציילט מיין לאַגע, פון וואַנען איך קום איצט און פאַרוואָס איך בין געקומען קיין לאָדזש. חברטע רוטא האָט מיך אָפּגעהיטן ווי אַן אייגן קינד. קיין פאַרטיי־

מיטגליד פון „בונד״ בין איך נאָך אין וואַרשע נישט געווען. כ׳בין נאָך געווען צו יונג.

אצינד, קומענדיק קיין לאָדזש, האָב איך זיך דערפילט פול מיט מוט. ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט און איך האָב געקריגן אַרבעט ביי אַ לאַנדסמאַן. דער ברודער פון משה גרינפּאַס האָט מיך געפירט אויף קרייזלעך פון דער ס.ד.־פּאַרטיי. אָבער איך האָב בעסער געוואָלט געהערן צום „בונד״, געהערן צו אַ יידישער פּאַרטיי. איך בין אויך געוואָרן אַ מיטגליד אין נאָדל־פאַראיין. איך האָב פאַרדינט 7 רובל אַ וואָך און האָב דעריבער געשריבן מיינע עלטערן, אַז איך וועל דערווייל נישט אהיימקומען.

די חברים לייבעטשקע און רוטאַ זענען זייער פריינדלעך געווען צו מיר. איינמאָל קומט צו מיר דער חבר לייבעטשקע מיט אַ פּאַרטיי־בלאָק אין האַנט און פאַרלאַנגט ביי מיר פּאַרטיי־שטייער. קוק איך אים אָן און פרעג אים:

— איך בין דאָך נישט קיין בונדיסטן.

— פאַרוואָס זענט איר נישט קיין בונדיסטן?

— איך דאַרף נאָך — זאָג איך — אביסל לערנען דעם בונדישן פּראָגראַם. איך בין נאָך צו יונג...

— וואָס דרייט איר אַ קאָפּ — ענטפערט ער — איר זענט שוין געווען אַ בונדיסטין ביי אייער מאַמען אין בויך... — און ער צעש־מייכלט זיך — אַזעלכע קינדער ווי איר, דאַרפן מיר האָבן. איר מוזט די עלטערע חברים פאַרטרעטן. די טורמעס זענען פול מיט אונזערע חברים.

ס׳איז, ליידער, טאַקע אַזוי געווען. עס איז געווען די צייט פון די וואַלן צו דער 4־טער דומע. מ׳האָט באַדאַרפט פירן אַן אינטענסיווע

אונטערערדישע אַרבעט. מ׳האָט באַדאַרפט האָבן יוגנט; כאָטש דער־נאָך האָבן מיר נישט ווייניק צרות געהאַט אויסצושטיין פון פּאַרעטער און פּראָוואָקאַטאָרן, וואָס האָבן צענדליקער חברים געהאָלפן פירן צום טויט און פאַרשיקט צו ווערן קיין סיביר.

אין יאָר 1908 איז אָרגאַניזירט געוואָרן אין לאָדזש אַ פייערונג צום 11־יאָריקן יובילײ פון „בונד״. אונטערן מאַנטל פון רעליגיעזן שמחת־תורה, איז דער יובל געפייערט געוואָרן אין די גרויסע זאַלן. מען האָט כלומרשט געזונגען רעליגיעזע לידער, אָבער אין דער לופט האָט זיך געטראָגן די בונדישע „שבועה״, די הייליקע קלאַנגען אירע. אַנדערש האָט מען נישט געקאָנט מאַכן. דער זאַל איז געווען געפּאַקט מיט אַרבעטער. צום שלוס האָט דער חבר לייבעטשקע איבערגעלייענט אַ בריוו:

„אין וועג קיין סיביר, ווייט פון דער היים...

6 וואָכן גייט אַ בריוו... אָ, ווי ס׳איז קאַלט״.

אין זאַל זענען אָבער געווען אַגענטן. זיי האָבן זיך גלייך געשטופּט צו דער טריבונע, אים צו נעמען און אַרעסטירן. לייבעטשקע האָט זיך באַלד אָפּגעטראָגן דורך אַ זייטיקער טיר און איז פאַרשוווּנדן. ער האָט זיך געמוזט אָפּטראָגן פון לאָדזש. אויך חברטע רוטאַ האָט געמוזט פאַרלאָזן לאָדזש. די עלטערע חברים האָבן געמוזט אַוועק. די יונגערע האָבן איבערגענומען די אַרבעט. פיל פון די חברים זענען אַוועק קיין אויסלאַנד.

איינמאָל, אין אַ פאַרנאַכט, וואַרט מיך אָפּ ביים טויער דער חבר ליפּמאַן־בערגמאַן, מיר מיטצוטיילן וועגן אַ זייער טרויעריקן פאַל. ער דערציילט מיר, אַז מאַירקע, וואָס האָט געאַרבעט אין בעקער־פאַראיין

אלס סעקרעטאַר, איז אַרעסטירט. מען האָט געפונען ביי אים אַ פּעקל פון 200 עקזעמפּלאַרן פון זשורנאַל „די צייט", וואָס איז דערשינען אין פּעטערבורג. דאָרט זענען געווען אַרטיקלען, פיל שאַרפערע ווי אין אַ פּראָקלאַמאַציע. דאָס איז געווען אין דער צייט פון די וואַלן צו דער 4־טער דומע. די וואַל־אַקציע איז געווען אין גאַנג.

אַלע האָבן פאַרשטאַנען, אַז מאירקע וועט גיין אויף סיביר. מאירקע מיט באַשקען זענען געווען אנטלאָפענע פון סלאָנים. זיי זענען געקומען קיין לאָדזש מיט רעקאָמענדאַציעס פון בונדישע חברים.

און גראַד איז די חברטע באַשקע געווען אין דריטן מאָנאַט שוואַנגערשאַפט. ווען מאירקע איז אַרעסטירט געוואָרן, האָט באַש־ לאָסן זיך צו דערהרגענען צוזאַמען מיטן קינד, וואָס זי האָט געטראָגן. מען האָט זי געמוזט היטן אויף יעדן שריט, זי זאָל נישט אַראָפּ־ שפּרינגען דורכן פענצטער פון דריטן שטאָק. מיך האָט ליפמאַן געבעטן די אויפגאַבע צו היטן באַשקען אַ גאַנצע נאַכט.

פינף חדשים האָב איך זיך אַזוי אַרומגעפּלאָגט. בייטאָג, ווען איך בין געווען ביי מיין אַרבעט, זענען צוויי חברים מיט איר געזעסן אין שטוב. ענדע דעצעמבער בין איך אַליין אַרעסטירט געוואָרן. איך האָב נאָכדעם געהערט, אַז מען האָט זי געגומען אין שפּיטאָל. 6 חדשים שפּעטער איז געקומען אַ בריוו פון סיביר, אַז מאירקע איז דאָרט געשטאָרבן, אין די שנייען און פרעסט.

ווען איך בין פריי געוואָרן פון תפיסה, האָב איך באַשקען שוין מער אין לאָדזש נישט געטראָפן.

דורך דער צייט איז אויך מיין פאָטער געקומען מיך זען. ער האָט ווידער געוואָלט איך זאָל מיט אים אהיימפאָרן. איך האָב אָבער נישט

געוואָלט הערן דערפון. האָט מיין פאָטער זיך צעוויינט. ער האָט זיך נאָכגעפרעגט ביי דער פאַמיליע. זיי האָבן אים באַרואיקט. ער האָט אויך געוואָלט זען מיין מיינסטער. איך האָב אים מיטגענומען צו מיין אַרבעטס־געבער. איך האָב שוין דאַן פאַרדינט 8 רובל אַ וואָך.

ער איז אַהיימגעפאָרן אַ באַרואיקטער. ער האָט שוין פאַרשטאַנען, אַז ער וועט ביי מיר נישט אויספירן, אַז איך וועל זיך גיין מיין וועג אין לעבן, אָן אים.

איך בין געווילט געוואָרן אין דער פאַרוואַלטונג פון שניידער־פאַראיין, פון דער בונדישער גרופע, אַלס ראַטמאַן אין בונדישן קאָ־לעקטיוו. עס איז שוין געווען דאָס יאָר 1910. מיר האָבן געפירט אַן אינטענסיווע אונטערערדישע אַרבעט צו די וואַלן פון דער 4־טער דומע. קיין לאָדזש איז אַראָפּגעקומען דער פאָרשטייער פון צ.ק. דער חבר טשעמערינסקי, אָפּגעבן אַ באַריכט פון צוזאַמענפאַר פון 2־טן אינטערנאַציאָנאַל. די חברים פון בונדישן עקזעקוטיוו האָבן געזוכט ווו דורכצופירן די פאַרזאמלונג. מ׳האָט אָבער אין די באַדינגונגען פון אומלעגאַליטעט, נישט געפונען קיין אָרט.

איז באַשלאָסן געוואָרן שבת אין דער פרי צוזאמענצוקומען זיך אין קאָנסטאַנטינער וואַלד. מען וועט גיין צו צוויי מענטשן באַזונדער. אויסער דעם האָט מען באַשטימט יוגנטלעכע, וואָס וועלן ציען אַ שטריקל מיט גלעקלעך, צו קאָנען, אין אַ געפאַר, געבן אַ שלעפּ ביים שטריקל. און אַזוי באַצייטנס צוויסנגעבן. די חברים פון עקזעקוטיוו האָבן באַשלאָסן נישט צו מאַכן קיין אַלגעמיינע באַריכט־פאַרזאַמלונג, נאָר איינטיילן קליינע גרופּן פון די פאַראיינען. נאָכן באַריכט האָט

באַדאַרפט זיין אַ דיסקוסיע. פון 9 ביז 11 אין דער פרי איז עס אַלץ פאַרגעקומען.

עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז די ערשטע גייען אַוועק פון וואַלד די מער פאַרדעכטיקע. אַ גרופּע יוגנט, אַ פּאָר חברים און חברטעס, וועלן בלייבן פון די לעצטע.

ווען מיר האָבן געזען, אַז פּוילישע יינגלעך גייען אַריין אין וואַלד, האָבן מיר אָנגעפאַנגען זיך צו שפּילן כלומרשט אין באַהעל־טעניש. די כוליגאַנעס האָבן זיך אָבער אָנגעהויבן צו טשעפּען, געשמיסן אונז מיט ריטלעך. די חברים האָבן זיי געבעטן לאָזן צורו די חברטעס. וואָס מער מ׳האָט זיי געבעטן, אַלץ מער האָבן זיי געשמיסן מיט די ריטלעך איבער די פּנימער פון די חברטעס. מיר האָבן געזען, אַז ס׳איז נישט פריילעך, האָבן מיר אָנגעפאַנגען צו לויפן. זיי האָבן שוין אָבער אין די טאַשן געהאַט צוגעגרייט שטיינער און האָבן אונז נאָכגעוואָרפן. אַ חבר האָט געקריגן מיט אַ שטיין אין האַנט אַריין. מיך האָבן זיי געטראָפן מיט אַ שטיין אין שטערן אַריין. איך בין אַוועקגעפאַלן אין אַ רינשטאָק, געבליבן ליגן פאַרחלשט, פאַרבלוטיקט.

מען האָט אַרויסגערופן גיכע הילף און מיך אַוועקגעפירט אין שפּיטאָל. איך בין געבליבן אין שפּיטאָל צוויי מאָנאַטן. מיינע אויגן זענען געווען פאַרגאָסן מיט געגליווערט בלוט. קיינער האָט נישט געגלויבט, אַז איך וועל נאָך זען אויף מיינע אויגן.

שפּעטער, ווען איך האָב אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, אַז איך בין געוואָרן בלינד, האָב איך נאָר געזוכט דעם פענצטער, זיך אַראָפּ־צוואַרפן און מאַכן אַ סוף פון מיין לעבן. מען האָט מיך געהיטן. מיינע עלטערן האָבן גאָרנישט געטאָרט וויסן. נאָך צוויי חדשים, האָבן די דאָקטוירים געזאָגט, אַז מען וועט מיך אָפּערירן און איך וועל נאָך

אפשר זען. פון פּאָזנאַנסקיס שפּיטאָל האָט מען מיך אין אַ וואָגן איבערגעפירט אין אַן אויגן־שפּיטאָל. דאָרט האָט מען מיך אָפּערירט, אויסגעשניטן דאָס פאַרגליווערטע בלוט. איך האָב צוריק באַקומען מיין ראיה. מיינע עלטערן האָבן אין לעבן נישט געוווסט וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט.

מיט אַ יאָר שפּעטער בין איך נאָכאַמאָל אָפּערירט געוואָרן, דאָס־מאָל, אויף בלינדע קישקע. די דאָקטוירים האָבן נישט געגלויבט, אַז איך וועל איבערטראָגן אַ צווייטע אָפּעראַציע. 4 טעג און נעכט זענען די חברים געזעסן לעבן מיין בעט. די דאָקטוירים האָבן געמיינט, אַז איך שטאַרב שוין. אויפן זעקסטן טאָג האָבן די דאָקטוירים איינגע־אָרדנט לעבן מיין בעט אַן אַפּאַראַט מיך קינסטלעך צו דערנערן. ערשט אויפן צענטן טאָג איז מיין פאָטער געקומען. מענטשן פון מיין שטעטל האָבן מיין פאָטער געגעבן צו וויסן. די דאָקטוירים האָבן אים געדריקט די האַנט און געזאָגט: „איר האָט אַ נײַ־געבוירענע טאָכטער. ביז נעכטן האָבן מיר נישט געגלויבט, אַז זי וועט בלייבן לעבן".

נאָך דריי חדשים בין איך אַרויס פון בעט. אָנגעלענט אין אַ "שטעקן. דער עלטסטער שעף האָט מיך געדריקט די האַנט און געזאָגט:

— מיר אַלע האָבן שוין נישט געגלויבט...

און ער האָט מיך אַ קוש געגעבן.

נאָך דריי מאָנאַטן האָב איך זיך ווידער אַריינגעוואָרפן אין דער פּאַרטיי־אַרבעט. די בונדישע באַוועגונג האָט דעמאָלט געפירט אַן ענערגישע וואַל־אַקציע צו דער פּערטער דומע. דערנאָך איז געקומען די פּראָטעסט־אַקציע בעתן ביילים־פּראָצעס. מיר האָבן טייער באַצאָלט. פיל אונזערע חברים האָט מען אַרעסטירט, פאַרשיקט. עס

איז נישט געווען ווער עס זאָל ברענגען צופירן „ליטעראַטור״. דאָס האָט געקענט מאַכן נאָר אַ יוגנטלעכער. די ליבע חברים ליפּמאַן־בערגמאַן און פּאָזנאַנסקי האָבן איינגעפּונען, אַז נאָר איך וואָלט דאָס געקענט דורכפירן, ווייל איך האָב נאָך אַלץ אויסגעזען ווי אַ קליין מיידל, פון אַ יאָר 15.

דער חבר ליפּמאַן־בערגמאַן איז שוין דאָ געזוכט געוואָרן דורך דער אָכראַנע, ווייל זיין נאָמען איז זיי געווען באַקאַנט פון זיינע קאָרעספּאָנדענציעס אין די וואַרשעווער „לעבנס־פראַגן״. די צייטונג איז פאַרמאַכט געוואָרן. אָבער די לאָדזשער פּראָוואָקאַטאָרן האָבן נישט געקאָנט זיין פּסעוודאָנים, און ער איז דעריבער אין לאָדזש נאָך געווען טעטיק.

איך בין געפאָרן איניקע מאָל קיין ווילנע, קיין וואַרשע ברענגען די „ליטעראַטור״. אין אַ טאָג האָט מיר ליפּמאַן־בערגמאַן געברענגט אַ פּאַספּאָרט פון זיין קראַנקער שוועסטער, אַז איך זאָל זיך, אין אַ מאָמענט פון געפאַר, קענען ראַטעווען. 4 מאָנאַטן בין איך אַזוי ארומ־געפאָרן. ליפּמאַן־בערגמאַן האָט מיך יעדעס מאָל אָפּגעוואַרט ביי דער באַן. אַלץ איז אַדורך בשלום.

פּאַר מיר איז געווען אַ חברטע, וואָס האָט געטון די אַרבעט, אָבער ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי געהערט צו די עס. דע. זי איז גלייך באַזייטיקט געוואָרן. דער חבר ליפּמאַן־בערגמאַן האָט געהאַט אַ צוזאָג פון אַ חבר, אַז מען וועט מיר באַזאָרגן מיט אַ באַהאַלטענער קאַמער, וווּ צו פאַרשטעקן די בלעטלעך. ווען מיר זענען אַהין געקומען, האָט דער חבר געזאָגט, אַז זיין פרוי דערלויבט נישט. מיר האָבן דעם דראַש־קאַזש דערקלערט, אַז מיר האָבן פאַרלאָרן דעם שליסל פון שטוב און מיר מוזן אַ גאַנצע נאַכט וואַרטן. מיר וועלן אים באַצאָלן וויפל

ער וועט פֿאַרלאַנגען. 7 אינדערפֿרי איז שוין ווייניקער געפּערלעך. מיר האָבן אַ גאַנצע נאַכט דיסקוטירט, גערעדט וועגן דער לאַגע. די נאַכט איז ביי מיר פֿאַרבליבן אומפֿאַרגעסלעך...

פֿאַר די וואַלן צו דער 4־טער דומע, איז געקומען צו אונדז דער חבר בראָניסלאַוו גראָסער. ער האָט גערעדט אויף געהיימע פֿאַרזאַמלונגען. ס'איז געווען די צייט פֿון פּראָצעס פֿון מענדל ביילים, צוליבן בלוט־בלבול, וואָס מ'האָט אויף אים אויסגעטראַכט. דאָס גאַנצע יידישע פֿאָלק, אין רוסלאַנד און אין דער וועלט, צווישן זיי דער בונד, האָבן געפֿירט אַ גרויסע פּראָטעסט־אַקציע. און ווידער האָבן זיך מיט אַלע כוחות אַריינגעוואָרפֿן די יוגנטלעכע אַרבעטער. נאַטירלעך זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך נאָך די אַלע געשעענישן דערוויטערט פֿון דער אָרגאַניזאַציע. אָבער נישט קיין סך. עס האָבן זיך געמערט פּראָוואָקאַטאָרן, וואָס די אָכראַנע האָט זיי אַריינגעשיקט, אָבער די גרויסע כוואַליע פֿון די פּראָטעסט־אַקציעס קעגן די צאַרישע פּאָגראָמשטשיקעס אין שייכות מיטן ביילים־פּראָצעס, איז פֿונדעסטוועגן אָנגעגאַנגען. די פּראָטעסט־אַקציע קעגן דעם בלוט־בלבול איז מיט גרויס ענערגיע געפֿירט געוואָרן דורך די יידישע אַרבעטער, דער עיקר דורך דער בונדישער יוגנט.

איך האָב שוין צוויי יאָר געאַרבעט אין דער שניידער־פֿאַרוואַלטונג, אין בונדישן קאָלעקטיוו. דער אומפֿאַרגעסלעכער חבר ליפּמאַן בערגמאַן האָט פֿאַר זיי געשריבן אויפֿרופֿן. אין לאָדזשער אָרעמסטן קוואַרטל, אין באַלוט, האָט מען גערופֿן פֿאַרזאַמלונגען. פֿיל חברים זענען דורכגעפֿאַלן, אַרעסטירט געוואָרן, און אַלץ צוליב די פּראָוואָקאַטאָרן. דער עיקר האָבן זיי זיך אַריינבאַקומען אין טעקסטיל־

פאַראיין. אין שניידער־פאַראיין האָט זיך זיי אַזוי עס לייכט נישט איינגעגעבן.

איך האָב געווינט 7 טויערן ווייט פון טעקסטיל־פאַראיין. די חברים פון פאַראיין פלעגן אָפט ארויפקומען צו מיר. זיי פלעגן דער־ציילן, אַז אַלע יוגנט־פאַרזאַמלונגען פאַלן־דורך. פיל חברים ווערן אַרעסטירט. ביי וועמען מען טרעפט אַ פּעקעלע, קריגט ער אַ „וויסילקע", דאָס הייסט מען פאַרשיקט אים. עס איז געפאַלן דער פאַרדאַכט אויף איינעם. איך האָב אים גוט געקענט. איינמאָל האָבן די וועבערס איינגעאָרדנט אַ יוגנט־פאַרזאַמלונג, איז זי אַדורכגעפאַלן. דער פאַרשוין האָט שטענדיק געזאָגט, אַז ער האָט פאַרשפּעטיקט. די אַגענטן האָבן שוין געוווּסט ווו צו גיין.

עס איז דעמאָלט אַראָפּגעקומען קיין לאָדזש חבר משה ראַפּעס, אַ מיטגליד פון צ. ק. ער האָט שוין געהערט וועגן די דורכפאַלן און האָט געוואָלט דערגיין ווער עס איז דער פּראָוואָקאַטאָר. די פאַרזאַמלונג איז פאַרגעקומען אין אַ הויז, ווו דערלעבן איז געווען אַ בעקער. איידער וואָס־ווען, איז אָנגעקומען פּאָליציי, ראַפּעס האָט נאָך באַוויזן אַריינקריכן אין אַ האַלבן זאַק מעל ביים בעקער אין הויז. ער איז דאָרט געבליבן פאַרשטעקט, ביז אַלע זענען אַוועקגעפירט געוואָרן. די אַרעסטירטע האָבן זיך שטאַרק געוווּנדערט ווי אַזוי ראַפּעסן איז געלונגען צו אנטלויפן... דערנאָך ווען ער איז אַרויס פון זאַק מעל, איז ער געווען אַ ווייסער, אַ פאַרפּראָשעטער. ער האָט זיך דערמאָנט אין אַ חברטע, וואָס וווינט נישט ווייט פון דעם אָרט און ער איז אַוועק צו איר.

איינס ביינאַכט הער איך ווי עמיץ קלאַפּט אין מיין טיר. פרעג איך:

— ווער איז ?

הער איך די שטימע פון משה ראַפּעס. ווען כ׳האָב געעפנט די טיר, איז מיר שלעכט געוואָרן. ער איז געווען אינגאַנצן אויסגעטונקען אין מעל. ער האָט מיר באַלד דערציילט וואָס עס איז געשען. ס׳האָט לאַנג געדויערט, ביז ער האָט זיך אביסל אָפּגעשטויבט. מיר האָבן געוווינט זאַלבעצווייט, איך און נאָך אַ חברטע, האָבן מיר איין בעט אָפּגעטראָטן דעם חבר ראַפּעס.

דער חבר ראַפּעס האָט מיך געפרעגט צי איך קען דעם יוגנערמאַן, וואָס ווערט באַשולדיקט אין אַרויסגעבן חברים. איך האָב דעם חבר ראַפּעס דערציילט פאַרשיידענע פאַקטן, וואָס זענען מיר באַקאַנט געווען. דער אויסוווּרף האָט געהאַט מיט זיך נאָך עטלעכע, וואָס האָבן אים צוגעהאָלפן, אפשר אומדירעקט; ווייל זיי האָבן אים אַלץ פאַר־ציילט, וווהין מ׳האָט זיי געהייסן קומען. ער האָט די אַדרעסן פאַר־צייכנט, און האָט זיי אַליין אָפּגערעדט צו גיין, ווייל עס קען דאָרט פאַרקומען אַן אַרעסט... ער האָט זיי געזאָגט אז אויך ער וויל נישט אַרעסטירט ווערן.

יעדע וואָך זענען געווען אַנדערע קרבנות. דער אויסוווּרף האָט מיך אויך געקענט, דורך די עלטערע חברים, וואָס פלעגן צו מיר קומען. מען האָט לאַנג געקלערט וועמענס אַרבעט דאָס קען זיין, און זיי זענען געקומען צום אויספיר, אַז דאָס קען נאָר זיין האַרש.

איך האָב לעצטנס געוווינט זייער נאָענט פון טעקסטיל־פאַראיין. אין אוונט, ווען מיינע חברים האָבן געוווּסט, אַז איך בין אין דער היים, זענען זיי צו מיר אַרויפגעקומען. זיי האָבן נישט געוווּסט וואָס צו טון. נישט גיין ווען די פאַרטיי רופט, קען מען נישט. יאָ גיין, איז אויך שלעכט. מען האָט אַלץ געטראַכט — ווער איז דער פאַרברעכער?

כמעט אַלע זענען געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז דאָס איז נאָר די אַרבעט פון הויכן האַרש. איך בין אויך געווען מיט זייער מיינונג.

אין סאַמע מיטן רעדן, הערט מען אַ קלאַפּ אין דער טיר. איך עפן אויף, עס שטעלט זיך אַריין נישט קיין אַנדערער, ווי דער הויכער האַרש. עס איז טויט־שטיל געוואָרן. מיר זענען אַלע ווי פאַרגליווערט געוואָרן. ער זאָגט צו מיר:

— חברטע חיה שערמאַן, איך קום איצט עקסטרע צו אייך. איך וויל אייך זאָגן און וואָרענען, איר זאָלט פון לאָדזש אַוועקפאָרן. עס איז מיר אַ שאָד אייער יונג לעבן... פאָרט אַריין קיין וואַרשע.

איך האָב גלייך פאַרשטאַנען מיט וואָס דאָס שמעקט. פרעג איך אים:

— וואָס הייסט איר מיר פאָרן און נישט די איבעריקע חברים?

— זיי זענען שוין דערוואַקסענע מענטשן, זאָלן זיי טאָן וואָס זיי ווילן. איר זענט נאָך יונג...

— אַ דאַנק אייך פאַר דער גוט־פריינטשאַפט... — זאָג איך אים — איך וועל פאָרן...

מיין האַרץ האָט דערביי געקלאַפּט. איך האָב די חברים דער־קלערט: ווו איך גיי אויף פאַרזאַמלונגען, האָט ער נישט געקענט וויסן. ער האָט אָבער פאַרשטאַנען, אַז איך נעם אַן אַקטיוון אַנטייל אין דער אַקציע קעגן בלוט־בלבול אויף ביילִיסן. ער האָט געוווּסט, אַז איך געהער צום בונדישן אַקטיוו, אז איך אַרבעט אין דער שניידער־פאַרוואַלטונג. ער האָט אָבער נישט געוווּסט ווו מען קומט זיך צוזאַמען.

עס איז אויך אין דער זעלבער צייט אַראָפּגעקומען קיין לאָדזש אַ חבר פון צ. ק. זיין נאָמען איז געווען חייפּעץ. ער האָט באַדאַרפט געבן אַ רעפעראַט אין טעקסטיל־פאַראיין. דעם רעפעראַט האָט מען

געזאָלט לעגאַליזירן, מען האָט אָנגעגעבן אַ ביטע וועגן דעם רעפּעראַט. ער איז באַשטימט געוואָרן אויף פרייטיק ביינאַכט.

יעדן שבת, 8 אין דער פרי, בין איך געפאָרן אַלעמאָל אין אַן אַנדער שטעטל אַרום לאָדזש, דאָרט, ווו עס זענען געווען פאַבריקן. די בלעטלעך פלעגט מיר דער חבר ליפּמאַן־בערגמאַן יעדן פרייטיק אָוונט באַזאָרגן אין מיין צימער אַריין. ער האָט געהאַט אַ שליסל צו מיין טיר. דעם לעצטן פרייטיק ביינאַכט איז חבר ליפּמאַן־בערגמאַן, אַראָפּגייענדיק פון מיין צימער, אַרויף אין טעקסטיל־פאַראיין צום רעפּעראַט. גייענדיק פון דער אַרבעט, בין איך אויך געקומען צום רעפּעראַט. דער זאַל איז שוין געווען פול. דער פּרעלעגענט, חבר חייפעץ, לויטן פּסעוודאָנים זינגערמאַן, האָט שוין געהאַט אָנגעהויבן רעדן. פּלוצים האָבן זיך די טירן אויפגעריסן. עס זענען אַריין פּאָליציי־אַגענטן, זיי האָבן אויסגעשריגן:

— די הענט אין דער הויך!

ס'איז מיר געווען נישט פריילעך. דער חבר ליפּמאַן־בערגמאַן האָט געפּלאָנטט פון אויפרעגונג. איך האָב זיך פאַררוקט אין אַ זייט און מיין שליסל געפּרוווט פאַרשטעקן אין אַ מאַנקעט פון מיין מאַנטל. אויב מען געפינט ביי מיר דעם שליסל, בין איך פאַרלוירן. אז איך וועל נישט האָבן ביי זיך דעם שליסל, וועל איך קענען זאָגן, אַז איך האָב נישט קיין וווינונג, איך בין ערשט היינט געקומען קיין לאָדזש און צופעליק געקומען צו דעם רעפּעראַט.

פּאָליציי האָט אַראָפּגעפירט פון דעם זאַל 96 חברים, 60 מענער, 36 פרויען. עס איז געפאַלן אַ געדיכטער שניי. איך האָב זיך אַוועקגע־

דרייט און אין אַ זייט, אַ וואָרף געטון דעם שליסל אין טיפן שניי אַריין. איינער פון די אַגענטן האָט עפּעס באַמערקט, האָט מיר אַ כאַפּ געטון ביי דער האַנט און ער האָט מיר געגעבן אַ פּאַטש. ער האָט געמיינט, אַז איך פּאַרדריי זיך צו אַנטלויפן. איך האָב דעם פּאַטש צוגענומען מיט פרייד.

מיר זענען געפירט געוואָרן אין פאַרשיידענע קאָמיסאַריאַטן. מיט אונדז זענען געווען 10 מענער און 8 פרויען, צווישן זיי — ליפּמאַן־בערגמאַן און חייפעץ, דער רעפערענט. פון שטיין לאַנג אויף דער גאַס, זענען מיר געווען דורכגעפרוירן.

דער חבר ליפּמאַן־בערגמאַן האָט זיך נישט געקאָנט באַרואיקן, ווייל ער האָט דעם זעלבן אָוונט איבערגעלאָזט ביי מיר אַ טעקע מיט אויפרופן. אויב די פּאָליציי וועט גיין מאַכן רעוויזיעס אין די שטובן, און וועט עס געפינען ביי מיר, וועל איך זיכער גיין אויף קאַטאָרגע.

די מענער זענען געווען אָפּגעטיילט באַזונדער. האָבן זיי באַמערקט אין ווינקל צעלע אַ קאַפּלנעם אויוון. האָבן זיי גענומען אַ שטעקעלע און געקלאַפּט אין דעם אויוון אַריין. איז צו אַ חברטע פון יענער זייט וואַנט און געפרעגט ווער ס׳קלאַפּט. האָבן זיי געפרעגט צי דאָ געפינט זיך חברטע חיה שערמאַן. זיי האָבן מיך צוגערופן און דער חבר זינגערמאַן האָט מיר געזאָגט:

— חברטע שערמאַן, זייט וויסן, אַז איר וועט גיין אויף קאַטאָרגע, אויב איר וועט נישט וויסן ווי זיך צו האַלטן מוטיק... נישט וויינען, לעבן מיט האָפענונג, וועט איר אַהיימקומען... טאָמער וועט איר זיך נישט קענען האַלטן, איז שלעכט...

— זייט וועגן מיר רואיק — האָב איך זיי געזאָגט — איך האָב נישט אין לאָדזש קיין ווינונג...

מיר האָבן זיך דערנאָך אַלע 96 חברים געטראָפן ביי דעם זשאַנ־דאַרמען־נאַטשאַלניק. ביי דער שטרענגער אויספאָרשונג האָט מען אונדז אָפּגעהאַלטן צוויי האַלבע נעכט מיט אַ טאָג. אַרעסטירט האָט מען אונז פריייטיק ביינאַכט. שבת 4 פאַרטאָג האָט מען אונז אָפּגעפירט אין טורמע. די 36 פרויען און צען מענער זענען געפירט געוואָרן צו יעגאָראָוון, אויף טאַרגאָווע. ליפּמאַן איז אויך געווען מיט אונז. יעגאָ־ראָוו איז געווען אַ מערדער. ער האָט די אַרעסטאַנטן געשלאָגן. איך קען נאָך היינט נישט פאַרגעסן ווי אַזוי דער טיראַן האָט ליפּמאַנען צעממיתט.

מיר זענען געווען פונאַנדערגעטיילט אין 3 טורמעס. איך האָב זיך געפרייט, וואָס איך האָב אַוועקגעוואָרפן אין שניי אַריין דעם שליסל פון מיין צימער. ווען איך האָב אַוועקגעוואָרפן מיין שליסל, איז אָבער נישט ווייט פון אונז געשטאַנען האַרש מיט זיין באַנדע. זיי האָבן עס באַמערקט און דעם שליסל אויפגעהויבן. האַרש האָט צו זיי געזאָגט:

— מיר דאַרפן גלייך אַרויף צו איר, אויפרייסן די טיר פון איר צימער. מיר וועלן דאָרט געפינען וויכטיקע זאַכן...

1 ביינאַכט זענען זיי געלאָפן זוכן צוואַנגען, האָבן אויפגעבראָכן די טיר און טאַקע געפונען די טעקע, וואָס ליפּמאַן האָט מיר געברענגט. ער איז אַראָפּ פון דאָרט און מיטגענומען אַ קליין קישעלע פון מיין בעט.

זונטיק אין דער פרי האָט ער שוין געוווּסט ווו איך געפין זיך. ער איז געקומען צו דער טורמע אויף טאַרגאָווע און האָט דורך דער קאַנ־צעלאַריע געבעטן מען זאָל מיר איבערגעבן דאָס קליינע קישעלע. אַרום 10 אין דער פרי האָט מען מיר פלוצים אַריינגעבראַכט אַ קישע־לע. ער האָט מיר געלאָזן וויסן, איך זאָל זיין רואיק. אַלץ איז אין

אָרדענונג. דער שליסער פון דער טורמע האָט עס מיר דערלאַנגט.
אַנקוקנדיק דאָס קישעלע איז מיר שלעכט געוואָרן. ווי האָט האַרש געוואַגט צו עפענען מיין טיר? מיט מיר אין צעלע זענען געווען נאָך 13 חברטעס, איינע אַ פאַרשטייערין פון צ. ק. זייער אַ ווילער מענטש. זי איז רויט געוואָרן פון אויפרעגונג. איך דריי איבער דאָס ציכעלע, זע איך אָנגעשריבן: „חברטע חיה, זייט רואיק, איך האָב אייער צימער געבראַכט אין בעסטן אָרדענונג. איך — דער הויכער האַרש".
מיר האָבן אַלע געפּלאַמט, ווי פייער. מיר האָבן שוין פאַרשטאַנען מיט וואָס דאָס שמעקט.
דער חבר ליפּמאַן איז אויך געווען אין דער זעלבער טורמע. איך האָב עס אים אַלץ, דורך אונזערע פאַרבינדערס, איבערגעגעבן.
נאָך אַ חודש זיין פאַרשפּאַרט אין תפיסה, האָבן מיר געקריגן די נייעס, אַז עס דאַרף פאָרקומען אַ מאַניפעסט, און אַז די אַלע, וואָס האָבן נישט קיין אורטיילן, וועלן פריי ווערן דורך אַמנעסטיע. פאַר אונז איז דאָס אַ קליינע טרייסט געווען. די לעצטע צוויי וואָכן פאַרן ראָמאַנאָוו־מאַניפעסט זענען געברענגט געוואָרן צו אונז נייע אַרעס־טאַנטן. מיר האָבן וועגן דעם נישט געוווסט. דאָס פענצטער פון אונזער צעלע איז געווען אין הויף אַריין. דאָרט איז געווען אַ ליידיקער פּלאַץ. איך האָב דערהערט עפּעס אַ באַוועגונג אין הויף. ביי אונז אין צעלע איז געווען אַ חברטע, וואָס האָט אָפּט געחלשט. האָב איך אויסגעגאָסן דעם קיבעל וואַסער און דער חברטע געהייסן שנעל זיך לייגן און חלשן. איך בין געלאָפן צו די פּאָמפּעס זוכן וואַסער. ווען איך בין אַראָפּגעקומען, זענען אַלע חברים געווען ביי דעם פּלומפּ. אַלע האָבן מיך אָנגעפאַנגען קושן. יעגאָראָוו, דער נאַטשאַלניק, האָט דאָס באַ־

מערקט. די חברטע, וואָס איז מיט מיר מיטגעלאָפן, האָט באַלד דער־זען, אַז דער טיראַן באַהאַלט זיך און קוקט.

די שליסערס האָבן אָנגעהויבן צו פירן די פריש־געקומענע. ווען איך האָב געטראָגן דאָס וואַסער, האָבן מיר די ניי־געקומענע חברים געהאָלפן. זיי האָבן מיר דערציילט די וויכטיקע נייעס.

ווען איך בין שוין געווען ביי מיין צעלע, איז דער הענקער יעגאָראָוו אַפער פון הינטער דער טיר און מיר דערלאַנגט אַ פּאַטש. איך בין געפאַלן אין חלשות. די ניי־געקומענע האָבן דעם הענקער דערלאַנגט מיט דער פויסט אין דער נאָז. אַ צווייטער, אַ פעסטער, האָט אים דערלאַנגט מיטן פוס. דער הענקער האָט זיך אויסגעצויגן. 3 טעג האָט ער זיך נישט געוויזן.

איינער פון די העלדישע בחורים האָט זיך גערופן ראָזענטאַל, אַ טייערער חבר. דער צווייטער איז געווען מאיר לאַקס.

נאָך 5 טעג, האָט זיך דער הענקער ווידער באַוויזן. ער האָט מיך מער נישט געשלאָגן, נאָר מיר געסטראַשעט, אַז איך וועל גיין „צו די ווייסע בערן"... איך האָב גראָד עפּעס געשטריקט, האָט ער עס מיר פון די הענט אַרויסגעריסן און אַוועקגעוואָרפן. איך האָב שוין אָבער געוווסט, אַז אים אויף צו להכעיס וועלן מיר אין קורצן פריי ווערן.

אין צוויי חדשים ארום איז אויסגעפאלן דער 300־יאָריקער יובליי פון דער ראָמאַנאָוו־דינאַסטיע. מיר האָבן איצט געלאַכט פון דעם הענקער, וואָס האָט אונז געסטראַשעט מיט די „ווייסע בערן". מיר האָבן שוין געהערט אין די גאַסן מוזיק. די טורמע־טויערן האָבן זיך געעפנט. מיר זענען אָפּגעוואַרט געוואָרן פון פיל חברים. מען האָט זיך געקושט. אָבער ליפּמאַן־בערגמאַן מיט די צוויי ברידער ליפּסקי זענען נישט געווען צווישן די פריי געוואָרענע. זיי האָבן ארויסבאַפוילן,

אַז זיי זענען פאַרהאַלטן. זיי זענען פאַראַטן געוואָרן. ליפּמאַן איז אָבער געשיקט געוואָרן קיין וואַרשע, צוגעצויגן צום פּראָצעס פון בונדישן אָרגאַן די „לעבנס־פראַגן".

מיינע חברים און חברטעס האָבן מיך געפרעגט ווו איך וועל גיין שלאָפן. איך האָב זיי געזאָגט, אַז איך גיי צו מיר. האָבן זיי זיך געכאַפּט ביי די קעפּ.

— צו דיר ווילסטו גיין? האַרש גייט אַרום און פאַרציילט וואָס ער האָט ביי דיר אַלץ געפונען...

און זיי האָבן מיך שוין נישט אָפּגעלאָזט.

מיינע חברים זענען אויף מאָרגן אַרויסגעפאָרן אין די אַרומיקע דערפלעך, זוכן פאַר מיר אַ צימער. זיי האָבן געפונען אַ צימער אין ראַדאָגאָשטש, האָבן אַרויסגעפירט מיט אַ דראָזשקע מיין בעטל, מיינע זאַכן. אַ פּאַס האָב איך געהאַט פון חבר ליפּמאַנס שוועסטער. דער פּאַס איז געווען באַהאַלטן ביי מיינס אַ לאַנדסמאַן. עטלעכע נעכט בין איך געשלאָפן ביי אַ חברטע, דערנאָך בין איך אוועק אין דערפל.

איך בין ווידער געפאָרן קיין לאָדזש און געגאַנגען צו דער אַרבעט. האַרש האָט מיך נאָך נישט געהאַט געזען. איך בין אַרויס פון טורמע זונטיק און געגאַנגען צו דער אַרבעט בין איך מיטוואָך. ווען איך בין אַריינגעקומען אין וואַרשטאַט, דערלאַנגט מיר דער מיינסטער אַ בריוו. דאָס איז געווען פון חבר פּאָזנאַנסקי. ער בעט מיר אַרויפצוקומען צו אים. איך האָב גלייך פאַרשטאַנען וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. איך בין, גייענדיק פון דער אַרבעט, גלייך אַרויפגעגאַנגען צו אים. ער האָט זיך מיט מיר האַרציק צעקושט און מיר פאַרציילט וואָס עס טוט זיך:

— ווידער אַרעסטן. עס איז נישטאָ ווער עס זאָל אַריינשיקן

עפּעס צו עסן די חברים. זיי טראָגן וועש שוין 6 וואָכן...

ער האָט געוווּסט, אַז פאַר מיין אַרעסט האָב איך געהאַט ביי מיר אין צימער אַ גאַנצן לאַגער מיט וועש, שיך, אָנטועכץ, און יעדן שבת באַזאָרגט פאַר די אַרעסטירטע חברים אַ פּעקל. עס איז נאָך ביי מיר אין צימער פאַרבליבן אַביסל זאַכן.

איך האָב דעם חבר פּאָזנאַנסקי דערציילט וועגן דעם אויסוווּרף האַרש. ער האָט שוין אַלץ געוווּסט. ער האָט מיר געזאָגט, אַז עס איז רעכט איך זאָל מער נישט וווינען אונטער מיין נאָמען, אָבער ביז 11 ביינאַכט מעג איך זיין אין שטוב. פון 11 ביז 7 פאַרטאָג דאַרף איך זיך נישט געפינען דאָרט, ווייל אין די שעהן קומט מען אַרעסטירן. דער חבר פּאָזנאַנסקי האָט מיר געגעבן אַ ביסל געלט, מיר אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל נישט בלייבן ביי מיר שלאָפן, נאָר נעמען וואָס איך האָב נויטיק, און באַלד אַוועקגיין.

איך בין גלייך צוגעפאָרן צו מיין צימער, אויף באַזינער 39, און בין ארויף. מיין טיר איז געווען צוגעקלאַפּט מיט נעגל. איך האָב געבעטן אַ שכן מיר די טיר צו עפענען, און בין אַריין. מיין צימער האָט אויסגעזען ווי נאָך אַ פּאָגראָם. די פּעקלעך זענען געווען גוט פאַרשטעקט. איך האָב זיי צוגעגרייט מיטצונעמען. דאָס פענצטער איז געווען אין אַ זייט. פון דער גאַס האָט מען געזען דאָס ליכט.

פּלוצים קלאַפּט מען אין דער טיר. ווער — טראַכט איך — קען עס זיין? איך בין צו און מיט האַרץ־קלאַפּעניש געעפנט. און אָט שטעלט זיך גאָר אַריין דער לאַנגער האַרש מאָשקאָוויטש. מיין האַרץ האָט באַלד אָנגעהויבן זיך נאָך שטאַרקער צו וואַרפן. איך מאַך זיך קוראַזש און פרעג אים:

— וואָס האָט איך געברענגט?

— הערט אויס, חברטע חיה — זאָגט ער מיר — איר ווייסט כאָטש, אַז איך האָב אייך גערעטעוועט פון קאַטאָרגע ?...

— יאָ, — זאָג איך אים — כ'ווייס... אַ דאַנק אייך.

זאָגט ער מיר:

— איך וויל נישט קיין דאַנק.

— טאָ וואָס, אַ שטייגער, וואָס ווילט איר ?

— איך בין אין קאָנפליקט — זאָגט ער — מיטן בונדישן קאָלעקטיוו. איך דאַרף זיך מיט זיי אַדורכשמועסן. כ'ווייס אָבער נישט ווו זיי צו געפינען.

— אַז איר ווייסט נישט, ווייס איך דאָך זיכער נישט. כ'בין געזעסן פאַרמאַכט.

— איר ווייסט יאָ. אין טורמע ווייסט מען אַלץ. מ'האָט געוויילט אַ נייעם קאָמיטעט און איר קומט, ווייס איך, אויף זייערע זיצונגען.

— האַרש, לאָזט מיך צורו. כ'ווייס גאָרנישט.

נעמט ער אַרויס פון קעשענע אַ קאָנווערט, איך זאָל אים איבער־געבן דעם בונדישן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט. איך האָב שוין מער נישט געקאָנט איבערטראָגן.

— האַרש ! — האָב איך אַ געשריי געטון — גייט שוין אַרויס פון מיין שטוב, אַ נישט קריגט איר מיט אַ האַק איבערן קאָפּ...

איז ער אַנטלאָפן. איך האָב גיך געכאַפּט די פּעקלעך און בין אַרויס. דאָס איז געווען אַ מיטוואָך ביינאַכט. איך בין אַוועק צו אַ חברטע שלאָפן.

צוזאַמען מיט נאָך אַ חברטע האָב איך צוגעגרייט די פּעקלעך, צו טראָגן צו דער טורמע אויף דער דלוגע גאַס, די חברטע — צו דער תפיסה אויף מילטשע גאַס.

דאָנערשטיק האָב איך צוגעשריבן צו מיינע צוויי חברים און צו א חברטע, זיי זאָלן קומען 11 אין דער פרי, מיר העלפן ארויסנעמען פון מיין צימער די רעשט זאַכן. ווייל שבת אין דער פרי האָבן מיר אוועקגעטראָגן די פעקלעך אין די טורמעס.

גייענדיק, האָבן זיי באַמערקט שטיין אין ראָג פראַנטשישקאַנער אַ ייד אין אַ זיידענער קאַפּאָטע, אַ טלית אונטערן אָרעם. דער ייד האָט זיי געפרעגט, צי זיי גייען צו דער חברטע שערמאַן. האָבן זיי געזאָגט, אַז יאָ. האָט ער זיי געזאָגט:

— גייט שוין זוכן אייער חברטע און זאָגט איר, זי זאָל נישט וואַגן ארויפצוגיין, ווייל עס וואַרטן אויף איר דריי אַגענטן. זיי לאָזן קיינעם נישט אַראָפּגיין. מיך האָבן זיי געלאָזט גיין, ווייל איך טראָג אַ טלית...

מיינע חברים זענען צו צום טראַמוויי, מיט וועלכן איך האָב באַדאַרפט אָנקומען. ווען איך בין אַראָפּ פון טראַמוויי, האָבן זיי זיך מיט מיר צעקושט פאַר פרייד. עס איז ביי מיר געווען אַ ווונדער דאָס פלוצימדיקע קושן זיך. זיי האָבן אָבער מיר באַלד אַלץ פאַרציילט.

איך בין מער נישט געגאַנגען אין מיין צימער. איך האָב געווינט 6 מאָנאַטן מיט דעם פּאַס, וואָס חבר ליפּמאַן האָט מיר געגעבן. איך בין נאָך אין לאָדזש פאַרבליבן אויפן פרעמדן נאָמען ביזן 1914־טן יאָר, געאַרבעט אין דער נאָדל־פאַרוואַלטונג.

דעם 1־טן מאי פון יאָר 1914 איז ווידער אַ גרופּע חברים פאַראַטן געוואָרן. מען האָט זיי פאַרהאַלטן מיט מאי־בלעטלעך אין האַנט. צומאָרגנס זענען אַגענטן געקומען אין נאָדל־פאַראיין מיך זוכן. דעמאָלט בין איך געווען געצווונגען צו פאַרלאָזן לאָדזש. איך האָב

אַלץ, וואָס איך האָב פאַרמאָגט, געמוזט איבערלאָזן און, מיט דער הילף פון צוויי חברים, אַוועקגעפאָרן קיין וואַרשע.

איך האָב אויך אין וואַרשע מורא געהאַט צו בלייבן, און בין גלייך אהיימגעפאָרן צו מיינע עלטערן אין קליינעם שטעטל. איך האָב אין דער היים זיי אָנגעזאָגט, אַז איך הייס בערגמאַן. מיין פאָטער האָט שוין פאַרשטאַנען די גאַנצע געשיכטע. איך האָב אים געהייסן זיין גרייט צו זאָגן, אַז — איך בין אַ ווייטע פאַמיליע... געקומען אויף אורלויב...

# קאַפּיטל 4

ס'איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה. דאָס שטעטל איז געלעגן 4 קילאָמעטער פון דער באַרימטער דעמבלינער פעסטונג. מיינע עלטערן האָבן דאָרט געהאַט אַ גאָרטן פון פרוכטן — קאַרשן, עפּל, באַרנעס. באַלד זענען מיר געוועזן היינטערן פראָנט. מיין פאָטער איז אַמאָל געווען אַ סאָלדאַט, האָט ער געוווסט ווי אַזוי צו מאַכן שוץ־גרובנס, כדי צו קענען פאַרהיטן זיך פאַר די באָמבעס.

מיר זענען געווען אין גרעסטן פייער פון פראָנט, יעדע מינוט האָבן מיר געמיינט, אַז מיר ווערן פאַרשיט. אין אונזער גרוב זענען געלעגן באַהאַלטן 13 מענטשן. אַלע האָבן געזאָגט תהילים. די פּאַליאַקן האָבן זיך געצלמט. זיי האָבן מיך אָנגעקוקט — איך בעט נישט און וויין נישט. די פּאַליאַקן האָבן נאָר געקלאָגט, אַז איבער מיר וועלן אַלע צאָלן מיטן לעבן. זיי זענען טאַקע אַלע אַנטלאָפן פון דער גרוב. איך בין מיר געלעגן אין אַ ווינקל, אין מיינע אייגענע ווונדן.

15 טעג זענען מיר געלעגן אין גרוב, אין שמוץ און בלאָטע, נישט געגעסן, נישט געשלאָפן. ווען די קנאַקעריי האָט זיך אויף אַ

פּאָר מינוט אָפּגעשטעלט, זענען די קלענערע קינדער אַרויסגעקראָכן פון גרוב, אויפגעקליבן דאָס אויבסט וואָס איז געפאַלן פון די ביימער. איך האָב נישט געקענט עסן, נישט שלאָפן. ווען עס איז שטיל געוואָרן, דער פראָנט האָט זיך איבערגערוקט, האָב איך מער נישט געקענט אַרויס פון דער נאָרע. איך האָב זיך אָבער געשטאַרקט און בין אַרויסגעקראָכן.

איך בין געפאָרן זוכן אַ נעסט פאַר מיין פאַמיליע אין וואַרשע. די פראָנטן האָבן זיך איבערגערוקט. איך האָב באַשלאָסן, אַז מיר טאָרן דאָ מער נישט בלייבן. עס קען אונטערקומען נאָך אַמאָל דער פראָנט און ווער ווייסט צי מיר וועלן בלייבן לעבן. איך האָב אַלע מיינע כוחות צוזאַמענגענומען, מיט אַ ביסל געלט אין קעשענע, געגאַנגען צום טראַקט, ביז קיין וואַרשע, כאָטש מיינע עלטערן האָבן מיך נישט געלאָזט גיין. איך בין אַוועק צופוס ביז דער גערער קאַלייקע. דריי טעג האָב איך זיך געשלעפּט ביז איך בין אָנגעקומען קיין וואַרשע.

אין וואַרשע איז דערווייל געווען שטיל. פיל היימלאָזע זענען אָנגעלאָפן פון אַלע שטעט און שטעטלעך. מיר האָבן דאָ געהאַט פאַמיליע. איך האָב זיך דערוווסט וועגן צוויי קעלער־שטיבן און אַ געוועלב אויף גענשע גאַס. איך האָב מיר געטראַכט: בעסער אַ קעלער אין וואַרשע, ווי אין דער היים, אונטער די באָמבעס. איך האָב איינגעצאָלט פאַר דריי מאָנאַטן און אַראָפּגעבראַכט מיינע עלטערן. ביי דעם ווירט האָב איך געמאַכט אַן אפשריפט אויפן נאָמען שערמאַן, און אַ גרויסע שטוב מיט אַ געוועלב, אויפן נאָמען בערגמאַן. איך בין געווען איבערגליקלעך. אַצינד בין איך צוזאַמען מיט די עלטערן. עס זענען מער נישט יענע צייטן, ווען כ׳האָב געוואָלט אַנטלויפן פון זיי.

לאָדזש, ווו איך האָב פאַרבראַכט עטלעכע שיינע יאָר, איז דערווייל געווען פאַר מיר טויט, אָפּגעשניטן.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז איצט ליגט נישט די פּאָליציי אין זינען צו זוכן אַ חיה שערמאַן. איך האָב געוווסט, אַז ליפּמאַן־בערגמאַן דאַרף זיך געפינען אין תפיסה און געזוכט זיך צו שטעלן אין קאָנטאַקט מיט דער בונדישער פּאַרטיי. איך האָב בלויז איין חבר געקענט, איך האָב אָבער נישט געוווסט ווו איך קען אים טרעפן. איך האָב געדענקט פון אַמאָל ווו די בירזשע געפינט זיך, און בין צוגעגאַנגען אויף נאָוואָ־ליפּקי, און טאַקע געטראָפן דאָרט אַ בירזשע. איך האָב זיך געפרעגט אויף בונדישע חברים, אָבער זיי האָבן נישט געוווסט מיר צו ענטפערן. האָב איך זיי געזאָגט, אַז איך קום פון לאָדזש, איך דאַרף זיך דערוויסן וועגן לאָדזשער חברים. האָבן זיי מיר געגעבן אַן אַדרעס פון אַ קיך פאַר אַרבעטסלאָזע. דאָרט קומען פאַרשידענע מענטשן, אויך לאָדזשער. דאָס איז געווען אויף דזשיקע 22. ווען איך בין אַרויפגעקומען, איז גלייך צו מיר צוגעלאָפן דער חבר יאַנקל, דער פאָרשטייער פון צ. ק. און האָט זיך מיט מיר צעקושט. מיר האָבן זיך פון לאָדזש זייער גוט געקענט. איך האָב אויך געהאַט אַ גרויסע איבערלעבונג צו טרעפן דעם חבר נח. מיר האָבן גערעדט וועגן דער לאַגע, נאָך אַזאַ לאַנגער, אומרואיקער צייט. דער חבר יאַנקל האָט מיר געהייסן אין דער פרי צוקומען אויף ראָג נאָוואָליפּיע־קאַרמעליצקע, וועלן מיר זען דעם חבר נח. איך האָב דער עיקר געוואָלט וויסן נייעס וועגן דער גרופּע חברים פון די „לעבנס־פראַגן".

מיר זענען זייער האַרציק אויפגענומען געוואָרן פון טייערן חבר נח. ער האָט מיר דערציילט ווו די גרופּע אַרעסטירטע חברים געפינען זיך. ער האָט זיך געפרייט ווען כ'האָב אים געזאָגט, אַז איך וויל שיקן

אַ פּעקל. ער האָט מיר אויך פאָרגעלייגט צו העלפן גרינדן אַ נאָדל־פּאַראיין, צוערשט אַ גרינדונגס־קאָמיסיע. דער חבר נח האָט שוין געוווּסט, אַז איך הייס בערגמאַן, לויט דער שוועסטער פון חבר ליפּמאַן־בערגמאַן...

דער חבר פון צ. ק. האָט מיר פאָרגעלייגט צוזאָרגנס אין אָוונט אַרויפצוקומען אין קיך. דאָרט וועלן זיין נאָך חברים. אין קיך האָבן מיר שוין אָפּגעוואַרט די חברים און חברטעס. זיי האָבן שוין געוווּסט, אַז עס איז דאָ אַ „שוועסטער" פון לאָדזשער קאָרעספּאָנדענט פון די „לעבנס־פראַגן", די חברטע בערגמאַן. זיי האָבן נישט געוווּסט, אַז בלויז לויטן פּאַס הייס איך בערגמאַן. חברטע מאַניע מאַיראָוויטש, די היינטיקע פּרוי פון חבר צוביט, האָט מיך רעקאָמענדירט צו גיין אַרבעטן צו אַ שניידערין. מיין אַרבעט איז דער שניידערין גוט געפאַלן. זי האָט מיר געצאָלט 7 רובל אַ וואָך. איך בין געווען איבערגליקלעך. דאָס איז געווען ענדע 1914.

מיינע עלטערן האָב איך שוין געהאַט אַריבערגעבראַכט קיין וואַרשע. מיין פאָטער האָט זיך געעפנט אַ קרעמל און האָט שוין צוביסלעך פאַרדינט. איך האָב אַ גרויסן טייל פון מיינע פאַרדינסטן געשפּענדעט פאַר די חברים אין תפיסה. איך בין געווען געצוווּנגען אויסצובאַהאַלטן פאַר מיינע עלטערן, אַז איך פאַרדין 7 רובל אַ וואָך.

דער חבר בערגמאַן מיט דער גרופּע אַרעסטירטע פון די „לעבנס־פראַגן", האָבן איך זיך דערוווּסט, זענען פאַרשיקט אין אַן אָריאָלער תפיסה. זיי זענען אָוועקגעשיקט געוואָרן פון לאָדזש, ווייל לאָדזש איז באַלד באַזעצט געוואָרן פון די דייטשן.

ליפּמאַן־בערגמאַן האָט געקריגן דאָס ערשטע פּעקל מיט 3 רובל. ווען ער האָט דערהאַלטן דאָס פּעקל עסן, איז ער געווען בייז אויף

מיר — פון וואַנען האָב איך צו שיקן געלט און פעקלעך ? איך האָב אָבער געהערט, אַז אין דער אָריאָלער תפיסה שטאַרבן יעדן טאָג מענטשן פון הונגער, נו, האָב איך דען געקענט רוען ?

אין מערץ 1915 האָט מען די גרופּע פון די „לעבנס־פּראַגן" צוריקגעברענגט קיין וואַרשע, אין דער מאָקאָטאָווער תפיסה אַריין. מיר האָבן זיך גלייך דערוווּסט וועגן דעם און זיי אַריינגעשיקט פּעק־לעך. עס זענען געווען 6 חברים — גאַליי מיט זיין פרוי, רייטשוק מיט זיין פרוי, וולאַדימיר מעדעם און ליפּמאַן־בערגמאַן. אַלע 15 טעג האָבן מיר געהאַט זעאונגען. ביי איין „ווידזעניע" איז פאָרגעקומען אַ קאָמישער טעות. דער שליסער האָט אונז פּאַרטוישט. מען האָט מיך געפירט צו מעדעמען. אָבער איך האָב נישט געוואָלט פאַרטרעטן די פרוי מעדעם. דער חבר מעדעם האָט זיך גלייך געכאַפּט אין טעות, ער האָט דערזען, אַז איך בין נישט דרייסט צו אים צוצוגיין. ער האָט מיך גערופן :

— חברטע חייקע, קומט אַהער צו מיר.

איך בין צוגעגאַנגען. דער חבר מעדעם האָט זיך געפרייט. ער האָט געזאָגט :

— לאָמיר דערווייל שמועסן.

און מיך אויסגעפרעגט וואָס מען הערט אין אונזער באַוועגונג. ער האָט דערציילט, אַז ער שלאָפט מיט ליפּמאַנען אין איין בעט, עסט פון איין טעלער.

ערשט דערנאָך האָבן זיי זיך געכאַפּט אין טעות. איך בין צוגע־גאַנגען זען ליפּמאַנען און פרוי מעדעם — צו איר מאַן.

אויפן 2־טן מאי 1915 איז באַשטימט געווען דער פּראָצעס פון דער גרופּע פון „לעבנס־פּראַגן". 7 אין דער פרי זענען צענדליקער

מענטשן געקומען צום געריכט־בנין מיט בלומען אין די הענט, צו באַגעגענען די אָנגעקלאָגטע, ווען מען וועט זיי אַריינפירן. איך וואָלט מיר אַזעלכעס אין לעבן נישט פאָרגעשטעלט צו זען. אויף די גאַסן אַרום דעם פּאַלאַטע־פּאַלאַץ, פאַרן קראַשינסקיס גאָרטן, זענען געשטאַנען מאַסן מענטשן. די אַרעסטאַנטן זענען באַשיט געוואָרן מיט בלומען, ביז אַריין אין געריכט־זאַל. מיט אַלע, וואָס זענען געשטאַנען אַרום, האָבן זיי זיך צעקושט. עס איז געווען צו זען אַזוינס, וואָס די מענטשלעכע אויגן האָבן נאָך נישט געזען.

אין דעם וואָגן, ווו עס איז געזעסן וולאַדימיר מעדעם, האָט אויך געוואָלט אַריינגיין זיין ברודער, אַ פּולקאָווניק. די שומרים האָבן זיך אָפּגערוקט מיט אָפּשיי.

דאָס געריכט האָט זיך געצויגן 5 טעג. 5 אָנגעקלאָגטע האָבן באַקומען צו 15 יאָר קאַטאָרגע. דער יונגסטער, בערגמאַן, 15 יאָר פאַרשיקונג אין סיביר.

דער פּולקאָווניק, מעדעמס ברודער, האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דעם פּראָצעס. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט פאַרן געריכט, אַז ער איז אַ קוזין פון מעדעמען. און דאָס האָט ער געהייסן מעדעמען אַהיימקומען פון אויסלאַנד, ווייל דער, וואָס זיצט אויף דער באַשולדיקנגס באַנק, איז נישט דער ריכטיקער מעדעם...

די ערשטע זענען אַריינגעפירט געוואָרן די אָנגעקלאָגטע, דערנאָך געסט — עלטערן, שוועסטער, ברידער, באָבע־זיידע. ווען עס איז געקומען צו מיין רייע, האָבן אַלע אָנגעקלאָגטע געווענדעט זייערע בליקן צו דער טיר, ווייל בערגמאַן האָט זיי געהאַט דערציילט וועגן דעם פּאַס פון זיין שוועסטער, וועלכע איז אַלט געווען 32 יאָר. איך

בין דאַן אַלט געווען נישט מער ווי 24 יאָר און אויסגעזען ווי 18...
איך האָב אויך באַמערקט, ווי אַלע אָנגעקלאָגטע שמייכלען.

ווען עס איז פאָרגעלייענט געוואָרן דער אורטייל, האָבן זיך מיינע בליקן געווענדעט צו די אָנגעקלאָגטע. דער באַשיידענער מעדעם איז געווען ווייס, ווי אַ טויטער. ס'איז אין זאַל געווען טויט־שטיל. איין מענטש האָט געוויינט, דאָס איז געווען מעדעמס אַ זיידע, אַ מענטש פון 80 יאָר. קיינער פון די פאַרמשפטע האָט נישט געוויינט. געוויינט האָבן נאָר די נאָנטע.

# קאַפּיטל 5

עס זענען געווען קלאַנגען, אַז די דייטשע אַרמייען גייען אַלץ מער פאָראויס. מען האָט גענומען עוואַקואירן די טורמעס אין וואַרשע. אָבער פאַר מעדעמען איז געווען אַ האָפענונג ער זאָל פאַרבלייבן אין וואַרשע, ווייל ער איז, זיצנדיק אין תפיסה, זייער קראַנק, געוואָרן, און די פרוי זיינע האָט זיך שטאַרק באַמיט פאַר אים.

מיינע עלטערן האָב איך נאָר דערציילט, אַז עס איז פאָרגעקומען אַ משפט פון מיינע באַקאַנטע פריינד.

די אַרעסטירטע זענען דערווייל געבליבן אין וואַרשע, אויף דלוגע 2, אין אַרסענאַל. איך האָב אָנגעהויבן גרייטן וואַרעמע זאַכן פאַר ליפּמאַנען. קיינער פון זיין פאַמיליע האָט נישט געוווסט פון אים. וואָס איך האָב פאַרדינט, האָב איך כמעט אויסגעגעבן פאַר וואַרעמע קליידער, וועש, שיך, צוגעגרייט עסן אין אונזער בונדישער קיך.

די דייטשן זענען אַלץ מער געגאַנגען פאָראויס, און מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז די רוסן וועלן עוואקואירן די תפיסות, אַז אונזערע חברים וועלן אָוועקגעשיקט ווערן אין טיף רוסלאַנד, ווייט הינטערן

פראַנט. איך האָב נאָך איינציקע „ווידזעניעס״ געהאַט מיטן חבר בערגמאַן. אים האָט ווי געטון פאַרוואָס איך שטרענג זיך אַזוי שטאַרק אָן. דעם 6־טן אויגוסט האָב איך באַקומען אַ קוויטל צו קומען אויף אַ זעאונג אויף דלוגע 2 — 10 אין דער פרי. די לעצטע זעאונג... דאָרט זענען געזעסן אונזערע 5 חברים, וואָס גייען אויף סיביר... דער חבר מעדעם איז נישט געווען מיט זיי. ער איז געלעגן קראַנק אין טורמע־שפּיטאָל. איך בין, נאָך לאַנגע וואַרטענישן, אַריינגעלאָזן געוואָרן צו ליפּמאַנען אין דער צעלע. ער האָט זיך זייער גוט געהאַלטן און צו מיר גערעדט:

— שוועסטער חיה, זיי מוטיק, איך האָף אַז אונטער די פּאַקלען פון דער רוסישער רעוואָלוציע, וועלן מיר פריי ווערן... און מיר וועלן זיך ווידער טרעפן צוזאַמען מיט אַלע באַפרייטע פעלקער.

איך האָב זיך צעוויינט.

צומאָרגנס האָט מען אַלע אַוועקגעשיקט.

ווען איך בין אַרויס פון אַרסענאַל, האָב איך זיך געשטעלט ביי אַ וואַנט און ביטער געוויינט. איך האָב זיך געזאָגט: דו וועסט גיין אויף סיביר, אָבער איך...

צומאָרגנס 7 אין דער פרי בין איך ווידער געווען ביים אַרסענאַל. עס זענען שוין דאָרט געווען פיל מענטשן, וואָס האָבן באַגלייט די אַרעסטירטע. קאָזאַקן אויף פערד האָבן קיינעם נישט צוגעלאָזן. באַלד האָט מען אַרויסגעפירט די אַרעסטאַנטן. פון וויטן האָב איך געזען ליפּמאַן־בערגמאַנען. ער איז געגאַנגען מוטיק צווישן די אַרעסטאַנטן. פיל פון די באַגלייטער זענען מיטגעגאַנגען ביז פּראַגע. מיר זענען געטרעטן געוואָרן פון די קאָזאַקן, אָבער מ׳איז מיטגעגאַנגען. ביים

פראַגער וואָקזאַל האָב איך געהערט דעם לעצטן „אַדיע“ פון מיין טייערן חבר ליפמאַן.

צוויי וואָכן בין איך געלעגן אין בעט נאָך דעם, מיט שוואַרצע צייכנס אויפן לייב פון די קאָזאַצקע נאהייקעס. מיט טיפן טרויער דערמאָן איך זיך עס נאָך ביז היינט...

אין 1916, ווען די דייטשע אַרמיי האָט שוין געהאַט באַזעצט וואַרשע, בין איך איינמאָל געווען אויף אַ בונדישער פאַרזאַמלונג. אין אַ צווייטן צימער האָט מען באַערט מיט אויפשטיין די חברים, וואָס זענען אומגעקומען. איך האָב געהערט לייענען, אַז אויפן וועג קיין סיביר זענען אויף אַ שליטן פארפרוירן געוואָרן 5 חברים. אויף די הענט פון די חברים גאליי און רייטשוק, האָט דער טייערער חבר ליפמאַן־בערגמאַן אויסגעהויבט זיין נשמה. מען האָט מיך אהיימגע־פירט אַ שטאַרק־דערשלאָגענע, און מיך געטרייסט, אַז איך בין נישט די איינציקע.

קורץ נאָכן אַוועקשיקן די גרופּע אַרעסטירטע פון די „לעבנס־פראַגן“, איז וואַרשע באַזעצט געוואָרן דורך די דייטשן. אָבער נאָך איידער די דייטשן האָבן באַזעצט די שטאָט, זענען די טורמעס געווען אונטער דער אויפזיכט פון פּוילישער מיליץ. איך האָב געאַרבעט אין דער שניידער־גרינדונגס־קאָמיסיע. ס'איז געווען אַ גרויסער הונגער. עס זענען צוגעגרייט געוואָרן צימערן צו עפענען קיכן פאַר אַרבעטס־לאָזע. אין משך פון דריי טעג האָבן זיך געמאָלדן 500 אַרבעטסלאָזע. ס'איז געווען אויף קאַרמעליצקע גאַס אַ גרויסער זאַל, באַצירט מיט בילדער.

עס איז אויך באַשלאָסן געוואָרן אויסצוויילן 25 חברים און גיין שבת אין דער פרי צו דער טורמע אויף דלוגע 2 און פאַרלאַנגען מען

זאָל אונז אַרויסגעבן דעם חבר וולאַדימיר מעדעם. אין דער קאָמיסיע זענען געווען 20 מענער און 5 פרויען. איך בין געווען צווישן זיי. מיר האָבן צוגעגרייט בלומען. די חברים האָבן געהאַט ביי זיך געווער.

מיר זענען צומאַרגנס צו צום טויער, פון וואַנען מען האָט מיט דריי וואָכן צוריק אַרויסגעפירט די חברים. מיר זענען גרייט געווען צו קעמפן, מען זאָל אונז אַרויסגעבן דעם קראַנקן חבר מעדעם. מיר זענען דרייסט, מיט מוט, צו צום טויער און אָנגעקלונקען. עס איז ארויסגעקומען אַ פוילישער מיליציאַנט. מיר האָבן אים געזאָגט, אַז דער חבר מעדעם איז קראַנק, מען מוז אים באַלד באַפרייען. דער מיליציאַנט האָט זיך פאַרענטפערט, אַז ער קען גאָרנישט מאַכן, ער האָט נישט קיין רעכט דערצו. נאָר מיר זאָלן אַביסל וואַרטן פאַרן טויער, וועט ער טעלעפאָנירן צום שעף פון דער מיליץ, און ער וועט קומען מיט אַן ענטפער. מיר האָבן אים דערקלערט, אַז מיר וועלן נישט אַוועקגיין פון דאַנען, מיר זענען אפילו גרייט צו גיין אויף לעבן און טויט.

אַ האַלבע שעה האָבן מיר געוואַרט.

פלוצים האָט זיך געעפנט דער טויער. אויף אונזערע הענט איז אַ פאַל געטאָן דער טייערער חבר מעדעם. מיר האָבן געוואָלט נעמען אַ דראָזשקע, האָט ער נישט געוואָלט, נאָר ער זאָל גיין צוזאַמען מיט אַלע. מיך האָט דער חבר מעדעם געטרייסט, אַז עס וועט קומען אַ טאָג און מיר וועלן זיך מיטן חבר ליפּמאַן־בערגמאַן ווידער פרייען.

מיר זענען מיט טריאומף גלייך ארויף אין זאַל אויף קארמע־ליצקע גאַס. דאָרט זענען שוין געווען פאַרזאַמלט צענדליקער חברים און חברטעס. עס איז געווען אַ טאָג, נישט צום פאַרגעסן. מיר האָבן

אים געוואָלט ברענגען צו עסן צו אים אהיים, האָט ער בשום אופן נישט געוואָלט, זאָגנדיק:

— ווען 500 אַרבעטער שטייען אין אַ ריי צו באַקומען אַ טעלער זופּ, זאָלט איר מיר ברענגען די זופּ אין שטוב אריין?

זאָגן מיר אים:

— חבר מעדעם, זיי זענען נישט קראַנק. זיי זענען נישט געזעסן יאָרן־לאַנג אין טורמע.

עס האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן אונזער רעדן.

איך שטיי ביי דעם קעסל גיס אין די טעלערס, הער איך ווי אַלע שרייען:

— לאָזט אדורך דעם חבר מעדעם.

צווישן די 500 אַרבעטסלאָזע שטייט דער חבר מעדעם און וויל נישט מען זאָל אים מאַכן מער פּריווילעגיעס ווי אַנדערע קראַנקע אַרבעטער.

ביז ער איז טאַקע געפאַלן קראַנק. דאַן האָט מען אים שוין מער נישט געפרעגט. מען האָט אים באַזאָרגט מיט אַלעם צו אים אהיים.

עס זענען דאָ אַזעלכע, וואָס קענען נישט אפילו דעם בעסטן מענטשן אָפּשאַצן אָביעקטיוו, זיין גרויסקייט און פּשוטקייט. בעת דער שפּאַלטונג פון בונד, וואָס איז געקומען שפּעטער, האָט מען אָפּט מיט די ערגסטע ווערטער געזידלט דעם טייערן חבר מעדעם. וויפל ער האָט עס אָפּגעצאָלט פאַר דער בונדישער באַוועגונג! ער האָט נישט פאַרדינט מען זאָל אויף אים שרייען: קאָנטרעוואָלוציאָנער! אַזאַ באַציאונג און אַזאַ שפּראַך האָט אים דערנאָך פאַריאָגט קיין אַמעריקע און דאָרט האָט זיין לעבן געענדיקט דער גרויסער אידעאַלער קעמפער פון „בונד".

ווי לאַנג דער טייערער חבר מיינער ליפּמאַן־בערגמאַן איז געווען אין די פּוילישע טורמעס, האָבן מיינע עלטערן געשוויגן. ווייל זיי האָבן געגלויבט, אַז איך וויל וואַרטן ביז ער וועט חתונה האָבן מיט מיר, ווערן מיין מאַן, ווייל איך האָב זיך דאָך מיט אים אַזויפיל אינטערעסירט. איך האָב נישט געוואָלט זאָגן — יאָ, אָדער ניין. ווען ער איז אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין סיביר, עס זענען אַדורך עטלעכע מאָנאַטן, און מיינע עלטערן זענען צוריק געווען אין שטעטל, איז ווידער ארויפגעשווומען די פראַגע וועגן אַ תכלית פאַר מיר. איך בין שוין דאַן אַלט געווען 25 יאָר. איך האָב אָבער אפילו נישט געטראַכט וועגן אַ פאַמיליען־לעבן. ווייל איך האָב פאַרשטאַנען, אַז פריער דאַרף מען קעמפן פאַר אַ שענער לעבן פאַר אַלע מענטשן. מען טאָר נישט ברענגען קיין פרישע צרות אויף דער וועלט.

איינמאָל איז מיין פאָטער געקומען צו מיר קיין וואַרשע מיט אַ נייעם איינפאַל. ער האָט צו מיר אַזוי געזאָגט:

— הער אויס, מיין טאָכטער. עס איז מיר אַ חרפה פאַרן שטעטל. אַלע אין דיין עלטער האָבן שוין קינדער חתונה צו מאַכן... אויב דו וועסט ווייטער אַזוי בלייבן, וועל איך מאַכן אַ סוף מיט מיין לעבן...

איך האָב מיין פאָטער באַרואיקט, ער זאָל אהיים פאָרן. איך וועל אין קורצן קומען. אין וואַרשע האָב איך געהאַט נאָענטע פריינד, גוטע חברים. איך בין צו זיי אַרויפגעגאַנגען און זיך פאַרטרויט פאַר זיי, פאַרציילט זיי מיין גאַנצע לאַגע. דאָס זענען געווען משה שקלאַר און זיין פרוי אסתר. ער איז געווען אַ דרוקער. עס איז גראָד געווען זומער־סעזאָן. האָבן מיינע פריינד מיר פאַרגעלייגט, אַז זיי וועלן מיט מיר צוזאַמען אַראָפּפאָרן צו מיינע עלטערן און מיר אַלע וועלן אויפן אָרט זען עפּעס אַן עצה צו זוכן.

מיין פאָטער האָט געהאַט אָפּגעדונגען אַ הויבסט־גאָרטן. האָבן מיר דערווייל געהאַט אַ גוטן זומער, פאַרברענגענדיק אויף דער פרייער נאַטור, געפרעדט, דיסקוטירט, געזוכט פּלענער פאַר מיר. זייער עצה איז געווען — דורכצופירן אַ פאַלשע חופה. זיי וועלן מיר פארשטעלן פאַר זייערס אַ חבר, אַ מאַן, וואָס האָט אַ פּרוי מיט אַ קינד. ער קלייבט זיך אין קורצן אַוועקצופאָרן קיין רוסלאַנד. ער וועט שטעלן אַ פאַלשע חופה מיט מיר. אַזוי וועלן מיינע עלטערן זיך באַרואיקן. שפּעטער וועל איך קענען פאָרן ווו עס וועט זיך מיר גלוסטן און חתונה האָבן מיט וועמען איך וועל וועלן.

# קאַפּיטל 6

איך קער זיך דאָ צוריק צום יאָר 1918, ווען די דייטשן האָט עס אָנגעהויבן גיין באַרג־אַראָפּ. דער סוף פון דער וועלט־מלחמה האָט זיך דערנענטערט. דעמאָלט האָבן די לוקאווער חברים אָנגעפאַנגען צו גרינדן אַ פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין פון 3 פאַכן — שניידער, שוסטער און בעקער. די לוקאווער בונדישע חברים האָבן נישט געוווּסט ווי אַזוי מען גייט צו דערצו. זיי האָבן זיך געוואָלט שטעלן אין קאָנ־טאַקט מיט וואַרשע. איז איינגעפאַלן מיינע לאָדזשער חברים פון קאָמיטעט זיי זאָלן מיך דעלעגירן קיין לוקאָוו. זיי האָבן געוווּסט אַז אין לאָדזש האָב איך געאַרבעט אין נאָדל־פאַראיין 4 יאָר. אויך אין וואַרשע האָב איך געהאָלפן גרינדן דעם נאָדל־פאַראיין, אַלץ נאָך אויף מיין פרעמדן נאָמען. ביז וואַרשע איז באַזעצט געוואָרן דורך די דייטשן, בין איך דאָרט געווען טעטיק. אין וואַרשע זענען דעמאָלט געעפנט געוואָרן 17 פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען.

אצינד, ענדע 1918, נאָכן האָבן אָרגאַניזירט דעם פאַראיין אין לוקאָוו, בין איך ווידער אָפּגעפאָרן קיין וואַרשע, זיך געשטעלט אויף

מיינע אַלטע פּאָזיציעס. אין לוקאַוו איז אָבער פֿאַרבליבן מיין צימער און מיינע זאַכן. דער חבר משה הובערמאַן האָט זיין סעקרעטאַריאַט־אַרבעט איינגעאָרדנט ביי מיר אין צימער. יעדן חודש איז ער געקומען אויף אַ זיצונג פֿון בונדישן קאָמיטעט און אויף אַ זיצונג פֿון ראַיאָן־קאָמיטעט.

ווען די דייטשן זענען אַוועק פֿון לוקאַוו, און מ'האָט געהערט וועגן פּאָגראָמען אויף יידן, האָבן די לוקאַווער זיך געווענדעט צו דער בונדישער אָרגאַניזאַציע מען זאָל שאַפֿן אַ זעלבסטשוץ. מיר האָבן באַשלאָסן צו רופֿן אַ מיטינג און דיסקוטירן וועגן דעם. די חברים זענען געווען קעגן מיר, נאָר מיט מיינע אַרגומענטן האָב איך געוווּנען אַלע שטימען. מיין מיינונג איז געווען, אַז די אַרבעטער דאַרפֿן זייער לעבן נישט ריזיקירן פֿאַר אַזעלכע אויסנוצערס ווי גאַסטמאַן און זיינס גלייכן. זאָלן זיי זיך אַליין באַשיצן; ווייל זיי האָבן נישט געוואָלט ויסן, ווען מיר האָבן ביי זיי געבעטן געבן איין טאָג אין דער וואָך צו עסן צוויי אויסגעהונגערטע אַרבעטער, אָדער אַמאָל געבן אַ פּאָר שיך צו אָרעמע מענטשן, וואָס גייען ווינטער אַרום אין שמאַטעס פֿאַרוויקלט די פֿיס.

איך האָב דערמאָנט די פֿאַקטן, די האַנדלונגען פֿון די רייכע. אַלע זענען דערנאָך מסכים געווען מיט מיר. צום גליק, איז אין לוקאַוו נישט פֿאָרגעקומען קיין פּאָגראָם.

דער ערגסטער אויסנוצער אין שטעטל איז געווען דער פֿאַברי־קאַנט גאַסטמאַן. ער האָט געשטאַמט פֿון וואַרשע. ער האָט דאָרט איינמאָל דערהרגעט אַ יידישן אַרבעטער. מען האָט באַלד פֿאַרשאַפֿט אַ פּאַס פֿון וויין, מיט אַ קאַנאַל, אַ גומען קישקעלע, אַריינגעלאָזט אים, ער זאָל קענען אָטעמען, און ביינאַכט, מיט דער הילף פֿון זיינע זין,

איז ער אַרויסגעפּירט געוואָרן קיין לוקאָוו. דאָ האָט ער זיך אויס־באַהאַלטן.

ער איז אין לוקאָוו געוואָרן אַ גרויסער גביר. נאָך פאַר דער מלחמה האָט ער וועררבירט אַרבעטער אין די אַרומיקע שטעטלעך. קיינער האָט פון זיינע פאַרברעכנס נישט געוווּסט.

די אַלע לוקאָווער בונדישע חברים זענען אין יענער צייט געווען יונג און אומדערפאַרן. זיי האָבן נאָך נישט געלייענט די וואַרשעווער צייטונגען. ווען איך בין געווען צוגאַסט ביי מיינע חברים, די פּער־קאַלס, האָבן זיי נאָך אויך וועגן דעם נישט געוווּסט און נישט גערעדט.

גאַסטמאַן איז נישט אויפגעדעקט געוואָרן.

ווען נישט די מלחמה־געשעענישן, ווען נישט דער באַשלוס וועגן גרינדן די דריי פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, וואָלט איך נישט געקומען אין שטעטל און קיינער וואָלט גאָר נישט געוווּסט וועגן גאַסטמאַנען. זיינע אַרבעטער אין שטעטל זענען ארומגעגאַנגען מיט שמאַטעס אַרומגעבונדן די פּיס. 250 אַרבעטער האָט ער געהאַט און האָט זיי געצאָלט אַ הונגער־לוין. ער האָט אויך געמסרט די אַרבעטער; און דאָס קומען אין מיין צימער פון שטאָט־קאָמענדאַנט מיט 10 סאָלדאַטן איז אויך געווען זיין אַרבעט.

מיטן אָרגאַניזירן די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, האָבן מיר קודם אַרויסגעשטעלט אַ פאָדערונג צו העכערן די לוינען פון די אַרבעטער. איך בין גראָד בייגעווען ביי די פאַרהאַנדלונגען מיט גאַסטמאַנען. איך האָב אים דערמאָנט די וואַרשעווער געשיכטע און געוואָרנט, אַז עס וועט אים דאָסמאָל נישט געלונגען אונז צו טעראָריזירן.

קיין זעלבסט־שוץ איז אין לוקאָוו נישט געגרינדעט געוואָרן. באַלד דערנאָך זענען געקומען די באָלשעוויקעס. נייע צרות. דער

פארעטער האָט אונז בײדע צוגעדינט אַ טויט־אורטײל, מײן חבר משה הובערמאַן און מיך, חיה שערמאַן. װען די הענקער װאָלטן געװוּסט װוּ מיר זענען געװען פאַרשלעפּט, װאָלטן מיר זיכער דערשאָסן געװאָרן. אונזער גליק איז געװען, װאָס מיר זענען געװען װײט פון לוקאָװ, פאַרמאַכט אין אַ תּפיסה.

# קאַפּיטל 7

אין אָנהייב 1920־טן יאָר איז אויסגעבראָכן די פּויליש־באָלשעוויסטישע מלחמה. דער מאַרש איז געווען זייער אַ שנעלער. די באָלשעוויקעס האָבן שוין געהאַט פאַרנומען בריסק, ביאַליסטאָק.

דער לוקאָווער בונדישער קאָמיטעט האָט געהערט צו דער טענדענץ 2, איך האָב געהערט צו דער טענדענץ 1, אין שייכות מיטן אָננעמען די באַרימטע 21 פּונקטן, ביים אנשליסן זיך אין קאָמאינטערן, וואָס איז דעמאָלט געגרינדעט געוואָרן אין מאָסקווע.

די לוקאָווער חברים, די ברידער גרשון און מאָריץ פּערקאָל, האָבן מיך געהאַט איינגעלאַדן קיין לוקאָוו, צו העלפן זיי אין דער פּראָפּעסיאָנעלער אַרבעט. איך בין דערמאָלט נישט געווען ביי דער שטימונג גלייך צו פאָרן. צוערשט האָב איך געוואָלט זיי זאָלן ארויפגיין צום חבר יוזעף, פרעגן אים צי ער איז איינשטימיק כ׳זאָל פאָרן. באַזונדער, האָב איך געוואָלט די חברים זאָלן מיר צוגרייטן אַ צימער, וווּ צו וווינען אַ שטיקל צייט.

די לאָדזשער חברים, וואָס האָבן געוווינט אין לוקאָוו, זענען

געווען מיינע בעסטע פריינד. זיי האָבן מיטגעהאָלפן צו אָרגאַניזירן אין לוקאָוו דעם פאַראיין פון שניידער, שוסטער און בעקער. כאָטש זיי אַליין זענען גאָר געווען וועבער.

איך בין געווילט געוואָרן אין בונדישן קאָמיטעט און געמוזט אַריין אין דער פאַרוואַלטונג פון די פאַראיינען. עס איז געווען אין פאַרוואַלטונג מיט 3 קאָמיסיעס. אַלע נאַכט האָט אַן אַנדערער חבר געמוזט דיזשורירן. פון ראיאָן־קאָמיטעט האָט אַלע מאָל אַן אנדערער געמוזט פאָרן אין אַן אַנדער שטעטל.

אין 1919־טן יאָר בין איך צוריקגעפאָרן קיין וואַרשע אַרבעטן. איך האָב נאָך אין וואַרשעווער נאָדל־פאַראיין פיגורירט. אין דער פאַרוואַלטונג פון לוקאָוו און פון בונדישן ראיאָן־קאָמיטעט בין איך בלויז געקומען אויף זיצונגען. די טעזע 2 אין שייכות מיטן קאָמינטערן האָט אין לוקאָוו געהאַט די מערהייט.

ווען ס׳איז אויסגעבראָכן די פויליש־באָלשעוויסטישע מלחמה, בין איך ווידער געווען אין וואַרשע. איך האָב דאָרט געאַרבעט ביי מיין פאַך. אָבער פיל זאַכן זענען נאָך פאַרבליבן אין מיין צימער אין לוקאָוו. פון צייט צו צייט בין איך אהין געפאָרן אויף א קאָמיטעט־זיצונג. איך בין געווען אומרואיק, ווייל איך האָב געוווסט גענוי וואָס די טעזע 2 זאָגט, אין שייכות מיטן אָנשלוס אין קאָמאינטערן. איך האָב יעדן טאָג נאָכגעפאָלגט די קריגס־באַריכטן, און געזען אז די באָלשעוויקעס גייען שנעל פאָראויס. האָב איך געפרעגט אַ חבר פון וואַרשעווער קאָמיטעט פון בונד, ווי אַזוי מיר דאַרפן האַנדלען אין אַזאַ פאַל. האָט מיר דער חבר געענטפערט, אַז יעדער איינער האָט רעכט צו האַנדלען אַזוי ווי ער פאַרשטייט. עס האָט מיר זייער ווייניק געטאָן דער ענטפער.

איך האָב נישט געקענט בלייבן רואיק און באַשלאָסן צו דיסקוטירן ברייטער און טיפער וועגן דעם פּראָבלעם.

איך בין דעם זעלבן טאָג אהיימגעפאָרן, גערופן צו זיך די חברים פון קאָמיטעט און זיי פאָרגעלייגט גלייך מיט מיר צו פאָרן קיין ווארשע, ווען נישט, וועלן מיר דערפאַר טייער באַצאָלן. זיי האָבן זיך אָבער אויסגעלאַכט און מיר געזאָגט, אַז זיי וועלן מיט פרייד אַקעגן גיין די רויטע אַרמיי. מיר האָט זייער ווי געטון זייער ענטפער. איך האָב מיט זיי אַ לאַנגע צייט דיסקוטירט און זיי בשום אופן נישט געקענט איבערצייגן.

דאָס איז געווען אין אַ פרייטיק. זיי זענען אַלע אַוועק אין אַ געהויבענער שטימונג. איך האָב באַשלאָסן איידער וואָס־ווען אָפּצו־רייניקן מיין צימער. איך בין שוין, נאָך אַזויפיל דערפאַרונגען, נישט געווען אַזוי נאַיוו. די שליסלען פון מיין צימער האָט אַוועקגענומען מיין חבר משה הובערמאַן. איך האָב אומעטום געזוכט און גערייניקט. איך בין אויך אַריין אין קעמערל לעבן מיין טיר און געזוכט.

ווען איך האָב געענדיקט זוכן אין קעמערל, האָב איך זיך פאַרגעסש־טעלט, אַז אפשר איז דאָרט געווען באַהאַלטן געווער. קיין געווער האָב איך נישט געפונען, נאָר אין אַ ווינקל פון קעמערל האָב איך ארויס־געשלעפּט אַ פּעקעלע מיט רויטער פאָן, ווו ס׳איז געווען אויפגעמאָלט, ווי צוויי הענט דערלאַנגען זיך אַ האַנט־דרוק. מיר איז נישט פריילעך געוואָרן. צערייסן אַ רויטע פאָן האָב איך נישט געוואָלט, ווייל אַ פאָן איז הייליק, מען דאַרף זי רעספּעקטירן. האַלטן עס ביי מיר אין צימער, האָב איך מורא געהאַט. איך האָב די פאָן אַרומגעצייט אויף אַ קישן. מיט דער אויפשריפט אויף אונטן. איך האָב געוווסט, אַז דער

חבר משה הובערמאַן וועט קומען זוכן די פאַן, וועט ער זי אַוועקנעמען פון מיין צימער. איך האָב אַלץ זייער קלאָר פאָראויסגעזען.

אין אַ דאַנערשטיק האָב איך געלעזן די באַריכטן פון פראָנט און פאַרשטאַנען, אַז באַלד וועלן די באָלשעוויקעס אריינקומען קיין לוקאָוו.

איך האָב געבעטן וועמען שיקן צו מיר דעם חבר משה הובערמאַן און נאָך אַנדערע חברים פון קאָמיטעט פון בונד. עס האָט אַביסל געדויערט, ביז זיי זענען געקומען. זיי האָבן גלייך פאַרשטאַנען נאָך וואָס איך רוף זיי. איך האָב געפּרוווט זיי איבערצייגן, אַז אין לוקאָוו איז געפערלעך פאַר אונז צו בלייבן. זאָלן זיי זיך גרייטן מיט מיר צו פאָרן קיין וואַרשע, וועט זיין פיל געשייטער.

דעם 26־טן אויגוסט, 10 ביינאַכט, הערן מיר שטאַרקע טריט און באַלד — זעצן אין אונזער טיר. איך עפן די טיר מיט האַרץ־קלאַפּן. עס קומט אַריין דער שטאָט־קאָמענדאַנט לאַפּוצקי מיט 10 סאָלדאַטן און מעלדעט אַ רעוויזיע. דער קאָמענדאַנט פרייט זיך מיטן טרעפן ביי מיר משה הובערמאַן. ער באַפעלט משהן זיך שטעלן מיטן פּנים צו דער וואַנט. מיר איז נישט פריילעך געוואָרן, ווייל איך האָב געוווסט, אַז ביי מיר געפינט זיך אַ רויטע פאַן, איינגענייט אין דער קישן. איך פרעג דעם קאָמענדאַנט צי איך מעג העלפן אַראָפּנעמען פון בעט, וועט עס גיין שנעלער. מיין האַרץ וואַרפט זיך פון שרעק. איך מאַך נאָך אַ פריילעכע מינע און טראַכט דערביי — פון לעבן ביז טויט, איז אַ מינוט רייזע.

ווען די פּאָליציי איז געקומען צו מיר, האָב איך זיי פריילעך באַגעגנט און געזאָגט: „ביי מיר וועט איר צו לאַנג זוכן"... אָבער גלייכ־צייטיק האָב איך געפילט, אַז אַלץ אין מיר דרייט זיך איבער.

צוערשט זוכן זיי אין בעט. איך פרעג זיי, צי מעג איך העלפן ארונ־טערנעמען דאָס בעטגעוואַנד. זאָגן גיי, אַז איך זאָל זיך נישט רירן. נאָך זייער זוכן אין בעט, האָב איך זיך אביסל באַרואיקט.

דריי שעה האָט געדויערט די רעוויזיע. ביז דריי ביינאכט האָבן זיי געזוכט און גענישטערט. מיר זענען איבערגעפירט געוואָרן אין דער פּאָליציי־ביוראָ. עס זענען שוין דאָרט געווען די אַנדערע חברים פון קאָמיטעט. בלויז איינעם איז געלונגען צו פאַרשווינדן.

7 אין דער פרי זענען מיר געפירט געוואָרן ביז לובלין, אין „זאַמעק" אריין. אויפן וועג זענען מיר באַוואָרפן געוואָרן מיט שטיי־נער, מיט אויסגעשרייען: „דערהרגענען די יידישע באָלשעוויקעס"!...

# קאַפּיטל 8

זעקס וואָכן זענען מיר געזעסן אין לובלינער „זאַמעק". דערנאָך האָט מען אונז אוועקגעשיקט, ווייל די באָלשעוויקעס זענען שוין געשטאַנען נאָענט פון דער שטאָט. די אומגעוווּנטשענע פּאַפּירלעך האָבן מיר צעריסן און אַראָפּגעלאָזן דורכן קאַנאַל. מיינע חברים זענען געווען זייער נערוועאיש. איך האָב מער פון זיי פאַרשטאַנען צו קענען דולדן.

איך האָב זיך געפונען אין אַ צעלע מיט אונטערוועלט־פּרויען. האָב איך געפאָדערט מען זאָל מיך איבערפירן אין אַן אנדער צעלע. דער טורמע־קאָמאנדאנט האָט נישט געוואָלט הערן דערפון. האָב איך באַשלאָסן צו מאַכן אַ הונגער־שטרייק. נאָך צוויי טעג נישט עסן, האָט מען מיך אריינגעפירט אין אַן אַנדערע צעלע. דאָרט איז געזעסן איין אַרעסטאַנטין. די דאָזיקע פרוי האָט געמאַכט אויף מיר אַ גוטן איינדרוק.

אין דער פרי, ווען די פרויען זענען ארויס אויפן שפּאַציר, זענען צו מיר צוגעקומען צוויי באַנדיטקעס און מיר געזאָגט :

— האָסט מיט אונז נישט געוואָלט בלייבן, האָט מען דיך געזעצט

צוזאַמען מיט אַ מערדערין, וואָס האָט פאַר 20 זלאָטעס צעשניטן אַ פרוי אויף 8 שטיקער. זי איז פאַרמשפּט צום הענגען...

איך בין שוין די נאַכט נישט געשלאָפן. איך האָב נישט געקענט עסן. צומאָרגנס האָט מיך די שליסערין אַוועקגעפירט צום דאָקטאָר. דער דאָקטער האָט מיך גוט אונטערזוכט, ער האָט מיר געגעבן עפּעס צו באַרואיקן די נערוון, געהייסן מיך ארויסנעמען פון דער צעלע. מען האָט מיך אריינגעפירט אין אַ צעלע פון שפּיאָנאַזש־פאַרדעכטיקע, ארטיסטקעס און פּראָסטיטוטקעס. איך האָב זיך אין דער צעלע דווקא נישט שלעכט געפילט. זיי האָבן פון מיר געלאַכט, אַז איך בין נאַיוו ווי אַ קינד. עס האָבן מיך אָבער נישט אינטערעסירט זייערע מיינונ־גען.

צומאָרגנס איז געקומען דער באַפעל צוצוגרייטן זיך אין וועג אַריין. פריטיק פאַרנאַכט איז אַריינגעקומען אין דער צעלע דער טורמע־וועכטער און געהייסן מאַכן די פּעקלעך. די שפּיאָנאַזש־פאַרדעכטיקע זענען אַרויסגענומען געוואָרן. ס'איז קלאָר געווען, אַז מיר ווערן ערגעץ־ווו אוועקגעפירט.

12 ביינאַכט האָט מען אונז ארויסגעפירט אויף אַ פּלאַץ, נישט ווייט פון „זאַמעק". עס זענען ארויסגעפירט געוואָרן 500 אַרעסטאַנטן, 300 פּאָליטישע, 200 קרימינעלע. די פּאָליטישע זענען געגאַנגען פאָראויס, אַרומגערינגלט מיט פערד־פּאָליציי. די קרימינעלע האָבן אויסגענוצט די געלעגנהייט און האָבן אָנגעהויבן צו אַנטלויפן. אייניקע זענען דערשאָסן געוואָרן. ס'איז דערביי אנטשטאַנען אַ שרעקלעכע פּאַניק. מיר זענען געפאַלן איבער קייטן און מענטשלעכע קערפּערס. מיר האָט זיך נאָר געדאַכט, אַז איך טרעט אויף מיינע חברים. לויפנ־דיק, האָב איך באַמערקט די קאָמישע קליידער פון די באַנדיטקעס.

אַלע כמעט האָבן זיי געטראָגן דעם זעלבן אוניפאָרם, זייער לאַנגע און ברייטע קליידער.

ענדלעך זענען מיר אָנגעקומען צו דער באַן. עס האָבן שוין געוואַרט אויף אונז פראַכט־וואַגאָנען, געקאָוועט מיט אייזערנע שטאַבעס. עס איז געווען פינצטער און ענג, מ'האָט נישט געקענט זיצן.

דאָס איז געווען דעם 3־טן סעפּטעמבער, 1920. פיל פון אונדזערע חברים האָבן געגלויבט, אַז מיר ווערן באַפרייט. אָבער איך האָב שוין געוווסט אז מיר ווערן עוואַקואירט אין אַ צווייטער טורמע. ווייל די רויטע אַרמיי איז שוין געווען נישט ווייט פון לובלין.

מיר זענען געזעסן אויף די שמוציקע ברעטער פון וואַגאָן, ענג צונויפגעשטופּט. ווען די באַן איז אָנגעקומען קיין כעלם, האָב איך געגלויבט, אַז מיר וועלן שוין דאָ פאַרבלייבן אין טורמע, אָבער די כעלעמער טורמע איז אויך שוין געווען עוואַקואירט. אויף דער כעלעמער סטאַציע האָט מען אין דער פינצטער, מיט עלעקטרישע באַטערייעס אין די הענט, אַריינגעפירט צו אונז אַ יונגע פרוי. זי האָט אויסגעזען זייער סימפּאַטיש. איך האָב זיך צו איר צוגערוקט. מיר האָבן זיךביידע געפרייט מיט דער טרעפונג. שטילערהייט האָט זי מיר פאַרציילט, אַז זי איז אַ לערערקע אין אַ בונדישער שול.

פון דרויסן האָבן מיר פּלוצים געהערט אַ האַרטע מענער־שטימע: „מען דאַרף אַרויסנעמען די פּאָליטישע, וועלן מיר טאָן מיט זיי, וואָס עס געהערט... מען דאַרף זיי פאַרניכטן...“

די כעלעמער חברטע האָט אָנגעהויבן צו ספּאַזמירן. איך האָב איר מיט דער האַנט דאָס מויל פאַרפּאַקט און איר געזאָגט, זי זאָל זיך באַרואיקן און אויסטאָן די שיך, וועלן מיר זיך אפשר קענען ראַטעווען. באַרוועסערהייט, וועלן מיר אויף אַלע פיר גיין ביז ענדע וואַגאָן.

מיר זענען ווי זשאַבעס אויף אַלע פיר געקראָכן, די קרימינעלע זאָלן גאָרנישט הערן.

די קרימינעלע, אין אַ וואַגאָן דערלעבן, האָבן איבערגעזעגט די קראַטן און זיך צעלאָפן. דאָס מיליטער איז געזעסן אויף די דעכער פון די וואַגאָנען און געהיטן. עס איז זיי באַפוילן געוואָרן אַראָפּצוגיין פון די דעכער, מאַכן ליכטיק אין די וואַגאָנען. זיי האָבן אָנגעהויבן זוכן די זעגן אונטער די ברייטע קליידער פון די קרימינעלע פרויען און אַראָפּגעשלעפּט די באַנדיטן. זיי האָבן אונז געוואָלט ליקווידירן.

מיר זענען צוריקגעקראָכן אויף אונזערע ערטער. די לופט איז געווען זייער אַ שווערע, אַ געדיכטע. דער מענטשלעכער געברויך איז געמאַכט געוואָרן אין די וואַגאָנען. מיר האָבן באַקומען איין מאָל אין טאָג אַ פּערטל ברויט, אַ געווענזלטן הערינג, אָן וואַסער.

אויפן צווייטן טאָג זענען מיר אָנגעקומען קיין ראַדאָם. מיר האָבן געמיינט, אַז מיר בלייבן אין דער ראַדאָמער טורמע. אָבער די ראַדאָ־מער טורמע איז אויך שוין געווען עוואַקואירט. אויפן דריטן טאָג האָבן מיר זיך דערשלעפּט קיין קעלץ. די טורמע איז געשטאַנען אין וואַסער. דאָך וואָלטן מיר שוין געווען צופרידן דאָרט צו בלייבן. די רויטע אַרמיי איז אָבער געווען פלינקער ווי אונזער אַרעסטאַנטן־צוג.

די כעלעמער חברטע איז באַפרייט געוואָרן אין קעלץ. פאַר איר איז איינגעלייגט געוואָרן אַ גרויסע סומע זאַלאַג. איך בין ווידער געבליבן אַליין. דאָך בין איך געווען גליקלעך מיט איר באַפרייאונג. איך אַליין האָב שוין נישט געגלויבט אַרויסצוקומען לעבעדיק פון דעם וואַגאָן.

אין זעלבן וואַגאָן האָט זיך אויך געפונען אַ גלח. ער האָט

געהייסן פּאַרטוניי. ער האָט געוווּסט אַלע נייעסן. ער איז באַשולדיקט געוואָרן אין קאָמוניזם. ער האָט ביי דעם טורמע־נאַטשאַלניק געבעטן אַ דערלויבעניש אַריינצוגיין אין פרויען־וואַגאָן און זיי ברענגען עפּעס צו עסן. מיט אים איז מיטגעגאַנגען דער שליסער. ער האָט די פרויען איינגעטיילט קליינע פּעקלעך. מיינע חברים האָבן אים געשילדערט ווי איך זע אויס, איז ער צו מיר געקומען, מיך אָפּגערופן אין אַ זייט און מיר פאַרציילט וואָס פאַר אַ באַשלוסן די טורמע־אדמיניסטראציע האָט אָנגענומען. אויב די דריטע טורמע וועט די אַרעסטאַנטן נישט וועלן אַריינגעמען, וועט מען די אַרעסטאַנטן ביסלעכווייז אויסשיסן. מיינע חברים האָבן געוואָלט איך זאָל דאָס אויך וויסן. מען וועט גרופּנווייז ארויספירן אויפן פעלד און אונז אויסשיסן.

דער גלח האָט מיר געבעטן איך זאָל נישט רעדן דערוועגן מיט די קרימינעלע פרויען. ער האָט מיר דערציילט. אַז דער טורמע־סעקרעטאַר קעמפט מיט די אַנדערע פון דער טורמע־אדמיניסטראציע, אַז מען זאָל נאָך זוכן אנדערע וועגן. מען איז געווען צוגעגרייט צו אַלעם. מיר זענען, הייסט עס, געפירט געוואָרן דעם לעצטן וועג.

אויפן 5־טן טאָג פון אונזער טרויעריקער רייזע זענען מיר געקומען קיין טשענסטאָכאָוו. אויף דער סטאַציע האָבן געאַרבעט גרופּן פּוילישע אַרבעטער. ווען זיי האָבן אונז דערזען, האָבן זיי גענומען שרייען:

— זשידאָווסקע באָלשעוויקי מושימי זאַביטש... (די יידישע באָלשעוויקעס מוזן מיר דערהרגענען...).

עס האָבן אָנגעפאַנגען פליען שטיינער דורך די פענצטער־קראַטן.

מיר האָבן זיך אַלע אויסגעצויגן ביי די ווענט פון די וואַגאָנען, זיך צו באַשיצן.

טשענסטאָכאָוו האָט אונז אויך נישט געוואָלט אויפנעמען. דער טורמע־סעקרעטאַר האָט ווידער געקעמפט מען זאָל נישט אויסשיסן די 500 מענטשן. ער האָט פאַרלאַנגט מען זאָל טעלעפאָנירן אין דער פיעטריקאָווער טורמע. עס איז געווען אין די וואַגאָנען אַ שרעקלעכע פאַניק. עס איז געמאָלדן געוואָרן דעם פיעטריקאָווער טורמע־נאַטשאַל־ניק, אַז עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו ליקווידירן 500 אַרעסטאַנטן, ווייל עס איז נישטאָ קיין פלאַץ ווו זיי איינצוסטאַלירן.

איך בין געשטאַנען ביי די קראַטן און געטראַכט פאַרצווייפלט וועגן אונזער גורל. ווען איך האָב דערזען אַ לידיק פעלד, האָב איך שוין געזען ווי מען פירט אונז אַרויס און אַז דאָ וועלן אונזערע לעבנס אונטערגעשניטן ווערן. צוזאַמען מיט די אונטער־וועלט־מענטשן, וועלן מיר אונזער אייביקער רו געפינען אין אַ וויסט פעלד...

ווען דער גלח איז אריינגעקומען ברענגען די גוטע נייעס, האָט ער מיך מער נישט דערקענט. דער ענטפער פון פיאַטריקאָווער טורמע־נאַטשאַלניק איז געווען, מען זאָל צו אים ברענגען די אַרעס־טאַנטן. איניקע פון אונזערע חברים האָבן געגלויבט, אַז מיר וועלן דאָ באַפרייט ווערן. איך האָב שוין געוווסט וואָס די טורמע גרייט צו.

6 אין דער פרי האָבן זיך די טירן פון די וואַגאָנעס געעפנט, מ'האָט אונז באַפוילן אַראָפצוגיין. מיר האָבן געמיינט, אַז איצט ווערן מיר שוין געפירט ליקווידירט צו ווערן. איך האָב נישט געקענט אויפשטיין פון אָרט. עס זענען געקומען מענער און מיך אַראָפגענו־מען, אַזוי איינגעבראָכן בין איך שוין געווען. איך האָב זיך דערפילט,

ווי אין אַן אַנדערע וועלט. איך האָב געמיינט, אַז דאָס איז זיכער אַ חלום.

אַרום אונז זענען אָבער געשטאַנען פיל ציווילע מענטשן מיט קיבלעס הייסע מילך, מיט הייסע קאַפע, מיט פרישע ווייסע זעמעלעך. דאָס זענען געווען יידן און קריסטן. פון באַן ביז ביסקופּסקע 24 זענען מיר באַשיט געוואָרן פון די געוועלבער מיט בלומען, שאָקאָ־לאַד. זיי האָבן געוווּסט, אַז מיר זענען פּאָליטישע.

באַלד זענען צו אונז געקומען גוטע מענטשן און געפרעגט:

— וועלכע זענען די פּאָליטישע?

עס זענען דערגאַנגען צו די אַרבעטער קלאַנגען, אַז עס וואַנדערט ארום אַ צוג מיט פּאָליטישע אַרעסטאַנטן.

און ערשט נעכטן זענען מיר באַוואָרפן געוואָרן מיט שטיינער... מיר האָט זיך גערדאַכט, אַז מיר פליען אין די הימלען.

די טויערן אויף ביסקופּסקע 24 האָבן זיך געעפנט. דער טורמע־נאַטשאַלניק האָט אונז זייער פריידלעך אויפגענומען. ער האָט געוווּסט, אַז מען האָט אונז געוואָלט ליקווידירן. ער האָט געזאָגט:

— מיר ווייסן, אַז נישט אַלע זענען פאַרברעכער. עס וועט קומען אַ טאָג, וועלן זיך די טויערן פאַר אייך עפענען.

אָט די מענטשלעכע ווערטער האָבן אונז אַביסל באַרויִקט. די מענער האָבן זיך גוט איינגעאָרדנט, אָבער איך בין נאָך אַלץ געווען אין אַ נישט פריילעכער לאַגע. צווישן די פרויען בין איך געווען איינע אַ פּאָליטישע. איך בין ווידער געווען אין איין צעלע מיט באַנדיטקעס. איך האָב געבעטן מיך איבערפירן אין אַן אַנדער צעלע, אָבער דער טורמע־דירעקטאָר האָט מיר דערקלערט, אַז אַלע צעלעס זענען פול געפּאַקט. ער האָט מיר צוגעזאָגט, אַז ווען נאָר עס וועט

פריי ווערן אַ צעלע ווערט ער מיך איבערפירן. איך האָב שלום געמאַכט מיט מיין גורל.

עסן איז געווען זייער קנאַפּ. עס האָט נישט לאַנג געדויערט, האָט דער טייערער חבר נח אַראָפּגעשיקט פון וואַרשע דער חברטע רעגינע בער קיין פּיעטריקאָוו. קיין זעאונג האָט זי נישט באַקומען, נאָר זי האָט געלאָזן אין דער קאַנצעלאַריע אַ סומע געלט אויף מיין נאָמען. די טורמע־קאַנצעלאַריע האָט מיר געמאָלדן וועגן דעם געלט און מיך געפרעגט וואָס איך זאָל הייסן ברענגען. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז איך דאַרף דאָס צעטיילן צווישן דער גרופּע חברים. איך האָב געפרעגט צי קען איך איבערגעבן אַ טייל געלט מיין צוקונפטיקן מאַן, וועלכער זיצט צוזאַמען מיט די חברים. האָט ער מיר געענטפערט, אַז ער האָט נישט קיין רעכט דערויף. איך האָב געבעטן ברענגען מיר אַ גרויס ברויט און מער ווי אַ העלפט צעטיילט אין מיין צעלע, יעדע פון די קרימינעלע פּרויען אַ שטיקל. די אַנדערע העלפט האָב איך געבעטן דער שליסערין צו טראָגן צו מיינע חברים. איך בין געווען ביי די שליסערינס פּריווילעגירט, ווייל זיי האָבן זיך דערוווסט אַז איך בין אַ שניידערין. זיי האָבן מיר שוין געברענגגט פאַר זיי געננוג אַרבעט.

איך האָב געטראַכט: ווו זאָל איך דאָס ברויט באַהאַלטן? עס איז נישט געווען מעגלעך צו לאָזן עס אויף מאָרגן. האָב איך געפונען אַן עצה: איך האָב גענומען אַ האַלדז־טיכל, איינגעבונדן דאָס ברויט. ווען אַלע זענען געשלאָפן, האָב איך דאָס ברויט גענומען אויף מיין געלעגער, ארומגעבונדן מיין האלדז און בין אַנטשלאָפן געוואָרן.

אין מיטן דער נאַכט איז אויף מיין געלעגער געוואָרן אַ לויפעריי פון מייז. עס איז געוואָרן אַן אלאַרם. די שליסער האָבן געמיינט, אַז די קרימינעלע האָבן ווען דערהרגעט. עס איז געוואָרן ליכטיק אין

צעלע. איך האָב זיך שנעל אָריענטירט, באַהאַלטן דאָס ברויט אונ־טערן שעניק.

אין דער פרי האָב איך געבעטן די שליסערין ארויפצוטראָגן דאָס ברויט צו די חברים. דאָס בריוול, וואָס איך האָב צוגעגרייט פריער, איז געווען פאַרשטעקט אינעם ברויט.

אין איינער אַ נאַכט האָב איך געהאַט אַ קאָשמאַר, אַ שלעכטן חלום. עס האָט זיך מיר געחלומט, אַז מיינע חברים זענען דערשאָסן געוואָרן. איך בין פון דעם שווערן וועג געוואָרן דורכגעדרונגען מיט די פינצטערע געדאַנקען. ווען די שליסערין איז אין דער פרי אַריין אין דער צעלע, האָב איך זי געבעטן זי זאָל מיך ארויסלאָזן אַ מינוט אויפן קאָרידאָר, ווען די מענער וועלן גיין שפּאַצירן. האָט זי זיך אויף מיר אָנגעבייזערט. שפּעטער קומט זי ווידער און לאָזט אָפן די טיר. זי מאַכט זיך זוכן, ווי זי וואָלט עפּעס געהאַט פאַרגעסן. איך זע די טיר אָפן, קלער איך נישט לאַנג און לויף שנעל אַרויס, שטעל זיך אין אַ ווינקל און באַמערק, ווי די מענער גייען אויפן שפּאַציר. זיי האָבן מיר אויך באמערקט און מיר האָבן זיך טאַקע אַדורכגעשמועסט.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום הייבט אָן די שליסערין צו שרייען:

— ווו איז די שערמאַן!?

זי קומט מיך זוכן, מאַכט זיך שרייען און פירט מיך צוריק אַריין אין דער צעלע. איך האָב איר גוט פאַרשטאַנען. די שליסע־רינס האָבן מיר פיל מאָל געטראָגן בריוועלעך צו די חברים. זיי האָבן זיך געמאַכט נישט פאַרשטיין און אונז אַזוי אַרום געהאָלפן.

אַזוי זענען אריבער עטלעכע וואָכן. מען האָט געברענגט פרישע אַרעסטאַנטקעס, שמוגלערינס. איינע פון זיין האָב איך געזאָגט, אַז איך בין אַ יידישע, האָט זי געמאַכט אַ זויערע מינע און נישט געענט־

פערט. האָב איך גענומען און אַוועקגעטראָגן מיין געלעגער ווייט פון איר. איך האָב זי מער נישט געקענט אָנקוקן. כ'האָב ווידער פאַר־לאַנגט אַן אַנדער צעלע, מעג זיין מיט באַנדיטקעס. איך האָב דער־קלערט אַ הונגער־שטרייק און אומבאַדינגט געוואָלט אַרויס פון דער צעלע. צוויי טעג האָב איך נישט געגעסן.

אַויפן דריטן טאָג, פאַרמיטאָג, זענען אַריינגעקומען צוויי טורמע־באַאַמטע און געמאָלדן, אַז ווער עס האָט נישט קיין אורטייל, זאָל צוגרייטן זיינע זאַכן.

דער בריסקער פייער־אָפּשטעל האָט אונז באַפרייט.

מיר זענען ענדלעך אַרויס פון תפיסה. עס האָבן אונז אָפּגעוואַרט די חברים פון פיעטריקאָוו. זיי האָבן אונז פאַרבעטן אין בונדישן לאָקאַל, זיי האָבן דאָרט פאַרגעברייט פאַר אונז אַ שיינעם מיטאָג, געקויפט בילעטן ביז לאָדזש און מיטגעגעבן אונז אַ בריוו צום חבר פּאָזנאַנסקי.

מיר זענען געווען אַ גרופּע פון 10 חברים, פון לוקאָוו גופא 7 און 3 פון א קליין שטעטל דערלעבן.

דער האַרציקער חבר פּאָזנאַנסקי אין לאָדזש האָט מיך גלייך דערקענט פון אַמאָל. מען האָט אונז איינגעאָרדנט ביי חברים צו שלאָפן אויף אייניקע טעג.

ווען איך בין אהיימגעקומען, האָט מען מיר דערציילט, אַז אויף די וואַרשעווער מויערן זענען געווען אויפגעקלעפּט פּלאַקאַטן, אַז חיה שערמאַן און משה הובערמאַן זענען דורך דעם לוקאָווער שנעל־געריכט פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט. אין לוקאָוו האָבן מיר אויך דאָס זעלבע געהערט. טאקע פון דער לוקאָווער פּאָליציי אַליין. נישט אַלע אַרעסטירטע זענען געווען פאַרמשפּט צום טויט, נאָר מיר צוויי.

די גאַנצע יידישע יוגנט אין לוקאָוו איז געווען פאַרמשפּט און מען האָט זיי פאַרניכטעט.

מיר האָבן די שטאָט לוקאָוו געטראָפן ווי נאָך אַ פּאָגראָם. ווען די רויטע ארמיי איז אַרויס פון שטאָט, האָט מען די גרעסטע טייל יידישע יוגנט אַוועקגעפירט הינטער דער שטאָט, באַוואכט פון פּאָליציאַנטן. מען האָט זיי באַפוילן צו גראָבן גריבער און באַלד זענען זיי פאַרשאָסן געוואָרן לעבעדיקערהייט.

איך האָב נאָך אין פּאַריז אַ באַקאַנטן, וואָס זיין פאָטער איז לעבעדיקערהייט באַגראָבן געוואָרן. זיין נאָמען איז געווען בערל רימאַש, אָדער בערל שקלאַש. ער וויינט נאָך היינט איבערן שרעקלעכן טויט פון זיין יונגן פאָטער.

די לוקאָווער פּאָליציאַנטן, וואָס האָבן אונז גוט געקענט, האָבן געזאָגט, אַז מיר האָבן געהאַט גליק, וואָס מיר זענען אַרעסטירט געוואָרן און פאַרשיקט געוואָרן ווייט.

טאָקע דעמאָלט האָט מיין משה אויסגענוצט די גוטע שטימונג זייערע, איז אריין אין מאַגיסטראַט און פאַרלאַנגט די חתונה־אַקטן. די טאָכטער פון רב האָט געבראַנגט אַ קוויטל, אַז מיר האָבן געש־טעלט אַ חופּה. איך האָב אין לוקאָוו פאַרלאָרן מיין פאַרמעגן, מיין דירה, און אויך אין וואַרשע האָבן מיינע חברטעס צוגענומען מיין צימער. זיי האָבן געלייענט אויף די מויערן, אַז מיר זענען פאַרמשפּט צום טויט, האָבן זיי געמיינט, אַז מיר וועלן שוין נישט צוריקקומען. מיר זענען שוין דערשאָסן. אין מיין בעט זענען געשלאָפן 7 מענטשן.

מיין חבר משה איז נאָך געבליבן ביי זיינע עלטערן. איך האָב געמוזט גיין צו מיינע אַ שוועסטער שלאָפן. ערשט אין אַ יאָר אַרום

האָב איך זיך אין וואַרשע דערשלאָגן צו אַ לעצט צימער אַלס סוב־לאָקאַטאָרן ביי אַ משפחה.

מיט אַ יאָר שפּעטער איז מיין חבר משה געקומען קיין וואַרשע. האָט זיך באַלד אונטערגערוקט אַ צווייטע טראַגעדיע. אָבער דאָס איז שוין אַ קאַפּיטל פאַר־זיך.

# קאַפּיטל 9

אין יאָר 1921, נאָכן שליסן דעם וואפנשטילשטאַנד צווישן פּוילן און רוסלאַנד, זענען מיר פריי געוואָרן. ווען מיר זענען אַהיימגעקומען קיין לוקאָוו, האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז דער פעלד־געריכט האָט אונז ביידן, מיין חבר משה הובערמאַן און מיך, חיה שערמאַן, געהאַט פאַרמשפּט צום טויט. ס'איז געווען אַ גליקלעכער צופאַל, וואָס מיר זענען פאַרשלעפּט געוואָרן און דער טורמע־נאַטשאַלניק האָט אונז נישט געוואָלט אַרויסגעבן. ער האָט געהאַט אין זיך מענטשלעכקייט, ער האָט פאַרשטאַנען, אַז מיר זענען נישט קיין פאַרברעכער.

מיר האָבן אין לוקאָוו קיין סך יונגע מענטשן נישט געטראָפן לעבעדיק. דאָס גאַנצע שטעטל האָט אויסגעזען ווי נאָך אַ פּאָגראָם. אַלע געזעלשאַפטלעכע לאָקאַלן — פאַרקלאַפּט מיט ברעטער. מיר האָבן געזען, אַז מיר האָבן מער אין לוקאָוו נישט וואָס צו טאָן.

איך האָב אויך אין וואַרשע מיין צימער פאַרלוירן. מיין חברטע האָט אין מיין בעט איינקוואַרטירט 7 מענטשן. מיר האָבן דעריבער באַשלאָסן, אַז משה מוז בלייבן ביי זיינע עלטערן אין לוקאָוו. און

כאָטש די אָפיציעלע חתונה־אַקטן זענען שוין געמאַכט, װעלן מיר דערװײַל בלײַבן צעשײדט, ביז מיר װעלן קריגן אַ װױנונג אין װאַר־שע. מײַנע זאַכן זענען אין לוקאָװ צערױבט געװאָרן און דירעשט זענען פאַרבליבן אין פאַרכאַפּטן צימער אין װאַרשע. איך האָב געמוזט גײן צו מײַנע אַ שװעסטער שלאָפן.

כ׳האָב באַלד באַקומען אַרבעט. פון צײַט צו צײַט איז מײַן חבר משה מיך געקומען זען. ערשט אין יאָר 1922 האָט זיך מיר אײַנגע־געבן צו דינגען אַ לעצט צימער אַלס סובלאָקאַטאָר בײַ אַ משפחה. איך האָב פאַרדינט נישט שלעכט, בין װידער געװען טעטיק אױף פאַרשידענע געביטן אין דער בונדישער באַװעגונג. דער חבר יוזעף האָט מיר פאַרגעלײגט אין בונדישן קאָמיטעט, צו קומען אױף גרופּן־זיצונגען פון פאַרשידענע פאַרײנען. מען האָט מיר באַשטימט אַ פּענסיע, אָבער איך האָב נישט געװאָלט װערן פאַר געלט אָנגעשטעלט בײַ דער בונדישער פּאַרטײ. איך האָב געװאָלט ליבער אַרבעטן בײַ מײַן פאַך, בײַ שנײַדערײַ. די פּאַרטײ־אַרבעט איז געװען מײַן אידעאַל. דאַן איז געקומען דער חבר בערנאַרד גאָלדשטײן און איז אָנגעשטעלט געװאָרן. איך בין געװען צופרידן, װײַל גראָד ער האָט זיך מער געניטיקט װי איך אין אַ געהאַלט.

איך האָב בײַ מײַן אַרבעט גוט פאַרדינט, צוביסלעך אײַנגעאָרדנט מײַן צימער. מײַן חבר משה איז געװען גליקלעך. ער האָט פאַרלאָזן לוקאָװ, איז באַלד געװאָרן טעטיק אין לעדער־פאַרײן און אױף אַלע געביטן פון דער בונדישער באַװעגונג. איך בין שױן געװען צוגע־טײלט צו דער פאַרװאַלטונג פון שנײַדער־פאַרײן, אין דער רױטער בונדישער הילף, אין קאָמיטעט, װאָס האָט אַרומגענומען 3 טױזנט מיטגלידער. מיר האָבן זיך בײדע געפילט גליקלעך, װאָס מיר זענען

שוין מער נישט אין לוקאוו. דאָרט איז נישט געווען קיין גרויסע באַוועגונג.

מיר האָבן געהאַט צווישן זיך אַן אָפּמאַך, איך און משה, אַז ווינ־טער זאָל מען ביידע צוזאַמען נישט אַוועקגיין אין אָוונט פון הויז. איין נאַכט זאָל איך גיין, די צווייטע נאַכט זאָל משה גיין. אָבער משה האָט נישט געקענט איינזיצן אין שטוב. ס'האָט אים געצויגן צו זיין אין פאַראיין. ער האָט איינמאָל באַטראַכט, אַז ער וועט זיך אַראָפּכאַפּן אויף אַ פּאָר שעה, שנעל צוריקקומען, איידער איך קום. ער וועט איינהייצן אין אויוון, פאַררוקן די לופט־בלעך, אז ווען איך וועל קומען, זאָל שוין זיין וואַרעם.

ווען איך בין איינמאָל געקומען, איז משה שוין געשלאָפן. איך האָב זיך געלייגט אין בעט אריין און האָב זיך פּלוצים דערפילט שלעכט. משה האָט געוואָלט אַראָפּגיין מיר עפּעס צודערלאַנגען, איז ער אויך אומגעפאַלן.

די שכנים פון פאָרנט האָבן דערהערט דעם קלאַפּ. זיי האָבן נישט געוווּסט וואָס עס איז געשען. האָבן זיי אויפגעריסן די טיר. האָבן זיי דערזען ווי מיר ליגן ביידע פאַרחלשט. זיי האָבן שנעל גערופן די גיכע־הילף. משהן האָט מען באַלד דערמונטערט. מיך האָבן זיי נישט געקענט דערמונטערן, האָבן זיי גענומען מיך צוזאַמען מיטן שעניק און אַראָפּגעטראָגן אויפן הויף, אין שניי אריין, אפשר וועט עס מיר העלפן. איך בין געלעגן אויפן הויף פון 1 ביינאַכט ביז 6 אין דער פרי. עס איז אַלע שעה געקומען עמיצער קאָנטראָלירן מיין פּולס. דער גאַנצער הויף איז געווען וואַך. די גיכע־הילף האָט אָנגעזאָגט, מען זאָל מיין פּולס פּרווון אַלע 10 מינוט. 6 אין דער פרי האָט עמיצער קאָנטראָלירט מיין פּולס און האָט געהייסן מיך אַרויפטראָגן שנעל אין

שטוב אַריין. ווען איך בין שוין געווען אויבן, האָב איך פּלוצים אַרויס־געשעפּטשעטע:

— אוי, איז מיר שלעכט...

צווישן די מענטשן איז גלייך געוואָרן אַ געוויין, זיי האָבן אויסגעשריען:

— חיהלע...

די גיכע־הילף־דאָקטוירים האָבן מיר געמאַכט איינשפּריצונגען. קיין מעדיצינען האָב איך נישט געקענט נעמען, ווייל מיין מויל איז געווען צעריסן, די ציין — פאַרהאַקט.

איך בין אָפּגעלעגן אַזוי 4 וואָכן. מיין צונג האָט זיך נישט געקענט באַוועגן. לאַנגזאַם בין איך געקומען צו זיך.

אין צוויי חדשים אַרום בין איך געגאַנגען אין קראַנקן־קאַסע. ווען זיי האָבן געזען מיינע פּאַפּירן, האָבן זיי מיך דאָרט אַלע באַוווּנ־דערט און געדריקט די האַנט. זיי האָבן שוין נישט געגלויבט, אַז איך זאָל בלייבן לעבן. אפילו די פּוילישע צייטונג האָט געהאַט געשריבן וועגן מיין פאַל.

מיין טייערער משה האָט געהאַט אַ באַצאָלונג פאַר זיין לייכטער האַנדלונג. איך האָב דריי חדשים נישט געקענט אַרבעטן. נאָכן אָפּרוען זיך אַ חודש אויף פרישער לופט, בין איך ווידער געגאַנגען אַרבעטן און געשטעלט זיך צו מיינע בונדישע פליכטן.

דעמאָלט האָט זיך מיין משהן פאַרבענקט נאָך אַ קינד. זיינע עלטערן האָבן געוואָלט אַן אייניקל. מיינע עלטערן — דאָס זעלבע. אָבער איך האָב באַטראַכט מיין לאַגע — מיר האָבן נישט קיין געהע־ריקע דירה, איך מוז גיין אַרבעטן, בין פאַרנומען מיט פּאַרטייאישער אַרבעט. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז פריער מוזן מיר זיך שאפן אַ

בעסערע סיטואַציע. איך האָב געאַרבעט שניידעריי, משה ביי אַ קאַמאַשן־שטעפּעריי. ער האָט אויך גוט פאַרדינט. אַ צימער אין וואַרשע האָט געקאָסט זייער טייער. האָבן מיר אָנגעהויבן טראַכטן וועגן עמיגרירן.

איך האָב געוווּסט, אַז אין לעדער־פאַריין זענען דאָ אייניקע חברים, וואָס מאַכן פּראָפּאַגאַנדע פאַר דער טעזע 2, ד. ה. פאַרן קאָמ־בונד. דער זעלבער חבר האָט מיר אויך פאָרגעלייגט אַריבערגיין צו דער טעזע 2. איין מאָל, אין אַ דאָנערשטיק, אין חודש סעפּטעמבער, זענען מיר גערופן געוואָרן אויף פּאַרטיי־גרופּן, מיך צו די שניידער, משהן — צו די לעדער. איך האָב וועגן גאָרנישט געוווּסט, אַז עס האַלט ביי אַ שפּאַלטונג אין דער פּאַרטיי. מיין משה האָט יאָ געוווּסט, אָבער ער האָט מיר גאָרנישט געזאָגט. ביי די נאָדל־אַרבעטער האָט אָפּגעגעבן דעם באַריכט דער חבר יוזעף. ווען ער האָט געהאַלטן אין מיטן רעדן, שטעלט זיך אויף אַ גרופּע מיטן געזאַנג פון „אינטערנאַצ־יאָנאַל" און פאַרלאָזן דעם זאַל. דער חבר יוזעף איז געבליבן שטיין ווי אַ טויטער, אַזוי בלאַס, און האָט נישט אויסגערעדט קיין וואָרט. נאָכדעם האָט ער געזאָגט:

— זיי ווילן אונז צעברעכן. זיי וועלן עס נישט קענען!

מיר האָבן געענטפערט אונזער טייערן חבר יוזעף מיט אונזער היילקער „שבועה".

מיר זענען אַהיימגעקומען 1 ביינאַכט. איך בין געווען אינגאַנצן צעבראָכן. אָבער מיין חבר משה איז אהיימגעקומען פריילעך, ווי אַ זיגער. דאָס האָט מיך זייער וויי געטון. מיין טאָכטער איז 3 מאָנאַטן שוין געווען אין וועג. איך האָב מיין מאַן משהן גלייך דערקלערט:

— דו פרייסט זיך. מיר וועלן זיך אָבער מוזן שיידן: מיר קענען

נישט לעבן צוזאַמען — צוויי וועלטן אין איין שלאָף־צימער. דאָס קינד, וואָס וועט קומען, וועט בלייבן מיט מיר.

משהן האָט זיך געדוכט, אַז ער וועט מיך איבערצייגן אין די אַרגומענטן פון קאָמבונד, אָבער איך האָב שוין געוווּסט וואָס אין רוסלאַנד קומט פאָר.

צומאָרגנס איז משה געקומען מיך זוכן צו גיין עסן מיטאָג. מיר האָבן געגעסן אין רעסטאָראַן. איך בין אָבער נישט אַראָפּגעגאַנגען אים צו טרעפן. ער האָט זיך געקליבן צו פאָרן קיין רוסלאַנד. אַליין אַוועקפאָרן און מיך לאָזן אין דער לאַגע, האָט משה דאָך נישט געקענט. ער האָט געוואָלט איך זאָל מיט אים מיטפאָרן. די חברים ערליך און וויקטאָר אַלטער האָבן אונז גענוג אינפאָרמירט ווי עס גייט צו אין רוסלאַנד.

עס זענען אַדורך עטלעכע מאָנאַטן, ביז מיין טעכטערל איז געבוירן געוואָרן. איך בין געבליבן אַ לענגערע צייט אין שטוב און געאַרבעט פאַר קליענטן. מיין מוטער איז געקומען צופאָרן פון שטעטל מיך אַביסל צוהעלפן מיטן קינד אויף די הענט. משה האָט געאַרבעט ביי זיין מייסטער. ער האָט אָבער נישט אויפגעהערט מיט זיינע דיסקוסיעס וועגן קאָמבונד און וועגן פאָרן קיין רוסלאַנד. איך האָב מיין חבר משה הובערמאַן געזאָגט קאַטעגאָריש, אַז איך וועל אין קיין שום פאַל נישט פאָרן, נאָר אַז ער וויל, וועל איך מיך שאַפן אַביסל געלט פאַר זיין רייזע. זאָל ער פאָרן מיט זיין גרופּע, נאָכדעם וועל איך זען זיינע גליקן. איז ער מסכים געוועזן.

עס איז געפאָרן אַ גרופּע פון 6 מענער. לעגאַל פאָרן האָט מען דאָך נישט געקענט. זענען זיי טאַקע אַ שטיקל וועג פאַר דער רוסישער גרענעץ פאַרהאַלטן געוואָרן. 6 וואָכן זענען זיי געזעסן אַרעסטירט.

אין צוויי חדשים ארום איז משה צוריקגעקומען קיין וואַרשע. ער איז אַריינגעקומען אין שטוב מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. איך האָב מיין משהן נישט דערקענט, אַזוי האָט ער אויסגעזען. איך האָב שוין גאָרנישט מער געוואָלט רעדן. איך האָב געזען אַז ער עסט זיך אויף, האָב איך שוין בעסער געשוויגן. נאָכדעם האָט שוין מיין משה געהערט פון פיל, וואָס זענען אין רוסלאַנד דערשאָסן געוואָרן.

אָבער עס איז פּאָרט געשטאַנען דאָס פּראָבלעם פון עמיגרירן. עס איז שווער געוואָרן צו לעבן מיט אַ קינד אין אַ לעצט צימער ביי יענעם. איך האָב געוואָלט פאָרן קיין פּאַריז, אָבער לעגאַל, מיט אַ פּאַס. האָט מיר משה געזאָגט, אַז ער האָט אַ פּאַר באַקאַנטע, וואָס פאָרן מיט שוואַרצערס — זיי האָבן אַ גוטע גרענעץ אַריבערצופירן, דורך איטאַליע. און ער האָט מיר אָנגערופן אַ פּאָר נעמען ווער עס פּאָרט. מיר איז עס נישט געפעלן.

10 מענטשן האָבן זיך געגרייט צו פאָרן מיט די שוואַרצערס. איך האָב געטראַכט: אפשר וועט זיך זיי איינגעבן אָבער עס איז נישט זיכער. איך האָב אויך געהאַט איניקע באַקאַנטע, וואָס זענען געפאָרן.

איך האָב דערווייל געהאָלפן צוגרייטן די רייזע פאַר מיין מאַן, האָב אים באַגלייט און מיין האַרץ איז געווען זייער אומרואיק.

עס איז געווען אָפּגערעדט, אַז אין 3 טעג אַרום וועט קומען אַ טעלעגראַמע פון פּאַריז.

עס זענען אַדורך צוויי וואָכן און מיר האָבן נישט געוווסט וואָס עס האָט פּאַסירט מיט די 10 מענטשן. איניקע פרויען האָבן פאַר־לאַנגט איך זאָל גיין צום אדוואָקאַט נח פרילוצקי. בין איך געגאַנגען. נח פרילוצקי האָט מיך געפרעגט דורך וואָגען די 10 מענטשן זענען

געפֿאָרן, האָב איך אים געזאָגט: דורך איטאַליע. האָט ער מיר געראָטן צו גיין אין גמינע און בעטן דעם ראַבינאַט זיי זאָלן טעלעגראַפיש אָנפֿרעגן ביי דעם איטאַליענישן ראַבינאַט, וואָס עס איז געשען מיט די 10 יידישע עמיגראַנטן. דער איטאַליענישער ראַבינאַט האָט גלייך געענטפֿערט, אַז 10 וואַרשעווער יידן זענען אַרעסטירט געוואָרן מיט פֿאַלשע פּעסער און זיי זיצן.

אַזוי האָבן מיר זיך דערוווּסט פֿון די רייזע־גליקן. מיר האָבן נאָך געמוזט איבערווייזן געלט צו דעם ראַבינאַט מען זאָל זיי אַריינשיקן עסן אין טורמע אַריין...

דורך דער צייט האָב איך מער נישט געקענט אַרבעטן. דאָס קינד איז נאָך נישט געווען קיין יאָר אַלט. איך האָב נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו צאָלן דירה־געלט און האָב באַקומען אַן עקסמיסיע. עס איז אָבער געווען אַ געזעץ, אַז מיט אַ קליין קינד טאָר מען נישט אַרויסוואַרפֿן.

נאָך 6 מאָנאַטן זענען אַלע ווידער אהיימגעקומען. עס איז נישט געווען פֿריילעך. מיין משה איז אַריין אין שטוב מיט ספּאַזמעס. מיר זענען געווען איינגאַנצן איינגעבראָכן.

ער איז אהיימגעפֿאָרן צו זיינע עלטערן קיין לוקאוו און אָנגעפֿאַנגען צו שרייבן ספר־תורה׳ס, זיין אַלט פֿאַך. זיינע עלטערן האָבן אביסל צוגעהאָלפֿן צו זוכן אַ דירה. משה האָט מיר געשריבן, אַז איך זאָל קומען צופֿאָרן מיטן קינד. ער האָט אַ וווינונג מיט אַביסל ווירטשאַפֿט. פֿון מיין צימער אין וואַרשע האָב איך נאָר די שאַנק פֿון קליידער באַוויזן מיטצונעמען.

פֿון מיין משהס אַרבעט איז געווען שווער צו לעבן. איך האָב אין שטעטל לוקאוו נישט געקענט קריגן קיין אַרבעט. איך בין נאָך פֿון

פריער געווען באַיקאָטירט, ווייל איך האָב דאָרט געהאָלפן אָרגאַניזירן אַ פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין פון בונד. מען האָט מיך דאָרט געקענט.

עטלעכע מאָנאַטן זענען מיר געווען אין שטעטל. מיר האָבן געזען, אַז עס איז דאָרט נישט קיין צוקונפט, נישט פאַר אונז, נישט פאַרן קינד.

האָט משה ווידער אַ טראַכט געטאָן וועגן רוסלאַנד. אָבער איך האָב נישט געוואָלט הערן און געדענקען דערפון. עס איז אָפּגערעדט געוואָרן, אַז מיין קינד וועט שלאָפן אין שטוב און עסן צוזאַמען מיטן פאָטער ביי דער באָבען. איך וועל פאָרן צום סעזאָן אַרבעטן קיין וואַרשע און אַלע 15 טעג אַהיימקומען זען דאָס קינד.

אין מאָמענט איז דאָס קינד געווען איינשטימיק. איך בין יעדעס מאָל אָוועקגעפאָרן נישט מיט קיין פריילעך האַרץ. איך האָב אָבער נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה. איך האָב גלייך געקריגן אַרבעט אין אַ שניידער־אַטעליע, וווּ עס האָבן געאַרבעט 350 אַרבעטער. האָב גוט פאַרדינט, אָבער צוליבן קינד בין איך נישט געווען רואיק. גע־שלאָפן בין איך ביי מיינע אַ שוועסטער.

ווען איך בין געקומען קיין לוקאָוו יעדע 15 טאָג זען דאָס קינד, האָב איך געזען ווי די באָבע לערנט מיין מיידעלע, וואָס איז שוין אַלט געווען 2 און אַ האַלב יאָר, זאָגן די ברכה. דאָס קינד האָט זיך עס שנעל אויסגעלערנט. זי איז געווען פלינק און פּעאיק.



די לוקאָווער יידן ביי דער באַן ביי דער דעפּאָרטאַציע.
די דייטשע מערדער מאַכן זיך לוסטיק

# קאַפּיטל 10

איך האָב זיך מיט מיין מאַן משה הובערמאַן באַקענט ענדע 1915־טן יאָר, קומענדיק אַלס גאַסט צו מיינע לאָדזשער פריינט גרשון פּערקאַל און מתית. אין יאָר 1914, איידער די דייטשן האָבן אַקופּירט לאָדזש, זענען אַ גרופּע אָרגאַניזירטע אַרבעטער געלאָפן אין דער וועלט אַריין, צו געפינען אַרבעט. די ברידער פּערקאַל האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין לוקאָוו און ווייטער נישט געקענט לויפן. זיי זענען דורך די דייטשן דערנאָך באַשעפטיקט געווען ביי דער לוקאָווער אייזנבאַן.

זיי האָבן זיך באַקענט מיט די לוקאָווער בונדישע טוער און זיך אַריינגעוואָרפן אין אָרטיקן אָרגאַניזאַציאָנעלן לעבן. אין יאָר 1915 בין איך געווען אין וואַרשע טעטיק אין די בונדישער אָרגאַניזאַציעס. מיינע פריינט האָבן מיך איינגעלאַדן צו קומען און מיר פאָרגעשטעלט פאַר די לוקאָווער חברים. משה הובערמאַן איז געווען דער סימפּאַ־טישסטער. די לוקאָווער חברים זענען אָפט געקומען צו אונז. די פּערקאַלס זענען געווען פאַמיליע־מענטשן, מיט פרויען און קינדער.

נאָך אַ חודש פאַרברענגען אין לוקאָוו, בין איך צוריק אַוועקגעפאָרן קיין וואַרשע.

שמועסנדיק אָפּט מיט משה הובערמאַן, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז ער האָט געהאָלפן גרינדן דעם „קליינעם בונד", אַלט זייענדיק 15 יאָר.

ער איז געווען דערנאָך טעטיק אויף אַלע געביטן אין דער באַוועגונג, געפירט די סעקרעטאַריאַט־אַרבעט. ער איז געווען באַקאַנט פאַר אַן ערלעכן חבר. וועגן אים האָבן מיר דערציילט די לוקאָווער בונדישע טוער, מיינע פריינד די פּערקאַלס, מאָטל בראַנדזויל, וועלכער האָט דערנאָך באַצאָלט מיט זיין לעבן פאַר זיין פּאַרטיי־טעטיקייט. עס זענען געווען פיל ערנסטע חברים אין לוקאָוו, צווישן זיי — משה הארצמאַן, אומגעקומען דורך די היטלער־מערדער, און שלמה רובינשטיין.

אין אָנהויב 1918 בין איך ווידער געקומען קיין לוקאָוו, מיטצו־אַרבעטן מיטן בונדישן קאָמיטעט. די חברים בראַנדזויל, פּערקאַל זענען געקומען מיך זוכן. איך בין נישט גלייך מיט זיי געפאָרן. איך האָב מיינע חברים געבעטן מיר פאַרצוגרייטן אַ צימער, און איך האָב זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט.

משה האָט שוין דערוויל אין לוקאָוו נישט געקענט פאַרבלייבן. ער איז אַוועק קיין וואַרשע, געקראָגן אַרבעט ביי קאָמאַשן־שטעפּע־ריי און איז געוואָרן טעטיק אין לעדער־פאַראיין. ווי אויך אין דער פּאַרטיי.

איך בין געווען אַקטיוו אין שניידער־פאַראיין. מיר זענען אַביסל צו־זיך געקומען, זיך איינגעאָרדנט.

אזוי זענען אַדורך דריי יאָר. מיין שוויגער האָט געוויינט, פאַרוואָס זי האָט נאָך נישט קיין אייניקל. אויך משה האָט געבענקט נאָך אַ קינד. איך האָב אָבער גוט געקענט אונזער לאַגע, ווי שווער ס'איז, אין אַזעלכע שווערע באַדינגונגען, צו האָבן אַ קינד.

ס'איז געווען די צייט, ווען עס איז פאָרגעקומען די גרויסע שפּאַלטונג אין „בונד". משה האָט זיך, ווי פיל נאַיווע, געלאָזט באַאיינפלוסן.

איך בין געבליבן ביי מיינע אַמאָליקע אַלטע ב ו נ ד י ש ע אידעאַלן. מיר זענען געוואָרן צוויי קעגנער. ס'האָט ביי אונז נישט געקלאַפּט. משה האָט געוואָלט פאָרן קיין רוסלאַנד, איך — נישט.

משה האָט געגלויבט, אַז איך וועל מיט אים מיטפאָרן קיין רוסלאַנד. אַליין האָט ער נישט געוואָלט פאָרן, נישט געוואָלט פאַרלאָזן זיין אויסגעבענקט קינד. בלייבן אין וואַרשע האָט אים נישט געשמעקט, ווייל אַלע אָפּגעשפּאַלטענע זענען געפאָרן קיין רוסלאַנד, ווו עס זענען אָנגעגאַנגען די גרויסע דיסקוסיעס ארום „קאָמבונד". אַז אונזער קינד מלכהלע איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1924, האָבן מיר געזען, אַז מיר מוזן עמיגרירן. אין לעצטן צימער, וואָס מיר האָבן פאַרנומען, איז נישט מעגלעך געווען, מיטן קינד אויף דער האַנט, נאָך צו אַרבעטן שניידעריי. משה האָט באַשלאָסן, אַז ער פאָרט אַליין קיין פּאַריז, אַז דאָרט וועט ער אַרבעטן, ביי וואָס ס'וועט אונטערקומען.

מיין משה האָט געהאַט פאַרטרויען צו יעדן איינעם. ער האָט

זיך געלאָזן פירן דורך אַ מאַכער. איך האָב געזאָגט, אַז מען דאַרף מיט יעדן איינעם זיין פּאָרזיכטיק. דער מאַכער האָט 10 מענטשן געפירט ביז דער איטאַליענישער גרענעץ און דאָרט האָט ער זיי געלאָזן אויף הפקר.

בלית ברירה איז משה אהיימגעפאָרן צו זיינע עלטערן קיין לוקאָוו און ווידער אָנגעפאַנגען שרייבן מזוזות. ער האָט דאָרט געפונען א וווינונג און איך בין מיטן קינד אהין געפאָרן קיין לוקאָוו. עס איז אָבער נישט געווען מעגלעך פון משהס אַרבעט צו לעבן. מיך האָבן די לוקאָווער ווייבער נישט געוואָלט געבן קיין אַרבעט, ווייל איך בין נישט געווען פרום...

איין אויסוועג איז געווען — עמיגרירן. מיינע שוויגער־עלטערן האָבן נישט געהאַט די פאַרשטענדעניש אונז צו העלפן. מיין קינד איז אַלט געווען 2 יאָר. זי איז געבוירן געוואָרן אין 1924. גיי שלעפּ זיך מיט אַ קינד אויף די הענט. מיר האָבן באַשלאָסן, אַז מלכהלע וועט בלייבן ביי דער באָבע, משה וועט האָבן די אויפזיכט איבערן קינד און איך וועל פאָרן אַרבעטן קיין וואַרשע, ביז מיר וועלן האָבן די מעגלעכקייטן אַלע צוזאַמען אַוועקצופאָרן.

איך בין געווען אַ גוטע שניידערין, האָב נישט שלעכט פאַרדינט. אַלע 15 טעג בין איך אהיימגעפאָרן, זען וואָס עס מאַכט דאָס קינד. איך האָב געאַרבעט אין אַ גרויסן וואַרשטאַט פון 350 אַרבעטער. דאָס קינד האָט זיך אַלעמאָל שטאַרק דערפרייט, ווען איך בין געקו־מען. ס'האָט געליטן. ווען איך בין אַוועק, האָט זי זיך געוואָרפן אויפן דר'ערד און געהאַקט זיך מיטן קעפּל אין די שטיינער.

עס האָט צוגעפעלט אַביסל געלט פאַר דער רייזע, האָבן מיך

מיינעביידע ברידער צוגעבאָרגט. דאָס האָט שוין מלכהלע דעצי־דירט. איך בין אומעטום, מיטן קינד אויף די הענט, געגאַנגען דער־לײדיקן אַלע פּאָרמאַליטעטן. דאָס קינד איז געווען איבערגליקלעך. מיר זענען צוריקגעפאָרן קיין לוקאָוו אַלץ צו ליקווידירן און מיט די פעסער זענען מיר געפאָרן קיין פּאַריז.

קיין פּאַריז זענען מיר אָנגעקומען אין חודש נאָוועמבער פון יאָר 1929. איך האָב באַלד אָנגעפאַנגען צו אַרבעטן. דאָס קינד האָט ווידער געמוזט גאַנצע טעג בלייבן אָן דער מאַמען. משה האָט זיך אויסגעלערנט שטעפּן דאמען־בייטלען. צוויי יאָר האָבן מיר זיך געוואָלגערט אין אַ האָטעל, ביז וואַנען מיר האָבן זיך דערשלאָגן צו א דירה. איך האָב אָנגעהויבן אַרויסנעמען אַרבעט אין שטוב אריין. משה האָט זיך אויסגעלערנט פּרעסן. סאיז אונז שוין געגאַנגען אַביסל בעסער.

דערווייל איז געקומען אין פראַנקרייך אַ פאַשיסטישע רעגירונג און מען האָט ביי משהן צוגענומען די רעכט צו אַרבעטן. דאָס איז געווען אין יאָר 1935. ווען לעאָן בלום אין אין 1936 געקומען צו דער מאַכט, איז געוואָרן אביסל לייכטער דאָ צו לעבן. מלכהלע איז אונטערגעוואקסן. איז באַלד אונטערגעקומען דער היטלער־באנדיטיזם, עס איז אויסגעבראָכן די מלחמה. מען האָט אויפגעהערט צו אַרבעטן און געזוכט וואוהין צו אַנטלויפן. איך בין אין אָט דער שווערער לאַגע קראַנק געוואָרן. מענטשן זענען געלאָפן, ווו איינער האָט געקענט.

צו אונדז אין הויז איז אָפט אריינגעקומען אַ סטודענט. ער האָט מלכהלען ליב געהאַט. ער האָט פאָרגעלייגט צו שטעלן מיט איר אַ

חופה אוןביידע זאָלן זיי אַנטלויפן פון פּאַריז. מיר האָבן נישט געוווסט וואָס צו טאָן. מלכהלע האָט דעם סטודענט נישט זייער גערן געזען. זי איז דעמאָלט אינגאַנצן אַלט געווען 16 יאָר. מיר האָבן געוואָלט דאָס קינד ראַטעווען. משה האָט באַשלאָסן, אַז ער וועט מיט זיי מיטלויפן. איך האָב נישט געוואָלט מיטגיין, ווייל מיט מיר, אין מיין צושטאַנד, וואָלטן מיר אַלע געווען פאַרלוירן. איך וועל נישט קענען לויפן 200 קילאָמעטער. משה און מלכהלע האָבן אָן מיר נישט געוואָלט גיין. מיט שווערע געבעטן און טרערן, זענען זיי אין דער לעצטער מינוט אַוועק.

דאָס איז געווען אין זומער 1940. מיטאָג־צייט זענען זיי אַוועק פון הויז. איך האָב זיי באַגלייט ביז צו דער מעטראָ. אָט די לעצטע באַגלייטונג קען איך נישט פאַרגעסן ביזן היינטיקן טאָג. נאָכמיטאָג האָט שוין די היטלער־אַרמיי מאַרשירט איבער די פאַריזער גאַסן. איך בין צוריק אַוועק אין שטוב, איינגעהילט אין מיין טרויער. צומאָרגנס אין דער פרי, אַראָפּגייענדיק אין גאַס, עפּעס געוויר ווערן, טרעפט מיך דער זון פון מיין ווירט און ער זאָגט מיר: „מאַדאַם הובערמאַן, וואָס האָט איר געלאָזט אַוועקגיין אייער גאַנצע פאַמיליע פון שטוב? די אַלע, וואָס זענען נעכטן געלאָפן צופוס אויף די וועגן, זענען דערהרגעט געוואָרן פון די דייטשע אַעראָפּלאַנען"... עס איז מיר באַפאַלן אַ שווערע ספּאַזמע, איך האָב זיך אָבער באַהערשט.

עס איז אדורך אַ חודש און איך האָב געקריגן אַן עקספּרעס־בריוו פון משהן פון ליסאַבאָן (פּאָרטוגאַל). אין דעם בריוו שרייבט אַ פרעמדער, אַז ער איז געשטאַנען ביים פּאָרט אין ליסאַבאָן, איז אָנגעקומען אַ שיף מיט פיל מענטשן. האָט מיר איינער ארויסגעוואָרפן אַ בריוול מיט אייער אַדרעס. ער האָט מיך געבעטן איך זאָל עס

איבערשיקן צו איך. משה האָט געשריבן, אַז זיי פֿאָרן אויף אַ שיף. אַלע זענען געזונט. ווען די שיף וועט ערגעץ אָנקומען, וועט ער מיר ווייטער שרייבן. איך בין געווען גליקלעך מיט די פּאָר ווערטער. מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָב איך באַקומען אויך פֿון מיין מלכהלען אַ פּאָר ווערטער: „מיר זענען אין באַיאָן. דער טאַטע איז מיט אונדז". זיי האָבן מיר נישט געוואָלט שרייבן, אַז זיי ווייסן נישט ווו דער טאַטע איז פֿאַרשוווּנדן. אָבער אין מאָמענט האָב איך זיך אביסל באַרואיקט.

אין די ערשטע פּאָר חדשים האָבן זיך די היטלער־מערדערס נאָך אויפֿגעפֿירט גאַנץ קאָרעקט אין פּאַריז. עס זענען געווען יידן, וואָס האָבן אָנגעפֿאַנגען מיט זיי צו האַנדלען. איך בין געפֿאָרן זען מיינע קינדער אין דער פֿרייער זאָנע. אין וועג האָב איך זיך שוין גענוג צוגעקוקט די מערדערישקייט פֿון די דייטשן.

ס'האָט נישט לאַנג געדויערט, האָבן זיי אָנגעהויבן שיקן די יידן אין די לאַגערן. ס'איז געשאַפֿע געוואָרן דער באַרימטער לאַגער אין דראַנסי. די באַנדיטן האָבן נישט צוגעלאָזן קיין עסן. די פֿאַרמאַכטע זענען פּשוט אויסגעגאַנגען פֿון הונגער. באַלד איז געקומען דאָס געזעץ וועגן אָנטון די געלע לאַטע. 49 יידן זענען דערשאָסן געוואָרן אַלס ערובניקעס. אין פּאַריז איז געווען אַ פּאַניק.

אין אויגוסט 1942 האָבן יידן זיך דערוווּסט, אַז עס גרייט זיך פֿאַר זיי די דעפּאָרטאַציע. הונדערטער יידן האָבן זיך געקענט ראַטע־ווען, זיי האָבן אָבער נישט געגלויבט, אַז מען וועט נעמען אפילו פֿרויען מיט קליינע קינדער.

איך בין געווען דעצידירט, אַז אויב מען וועט מיין טיר אויפֿ־רייסן, וועל איך זיך אַראָפּוואַרפֿן פֿון 4־טן שטאָק. בעסער אַליין אַן

ענדע מאַכן מיטן לעבן, איידער איבערצוגעבן זיך אין די מערדערס הענט. צוליב אַ צופאַל בין איך נאָך נישט געווען אין דער זעלבער נאַכט אויף דער ליסטע געגומען צו ווערן. פורן האַלב פינף ביז אַכט אין דער פרי איז פאָרגעקומען דער איבערפאַל אויף יידן. נישט ווייט פון מיר האָט געוווינט מיין ברודער. ער איז שוין געווען דעפּאָרטירט. זיין פרוי מיט צוויי קליינע קינדער זענען פאַרבליבן. ווען ס'איז געוואָרן שטיל, בין איך שנעל געלאָפן צו מיין שוועגערין זען וואָס עס טוט זיך. פונקט האָט מען איר מיט די צוויי קינדער אַראָפּגעפירט פון הויז, איין קינד פון 2 יאָר און איין קינד פון 9 יאָר. ווען די קינדער האָבן מיר דערזען, האָבן זיי מיך אַרומגעכאַפּט, מיט זייערע הענטלעך צו מיין האלדז געדריקט, געוואָלט זיך ראַטעווען. די באַנ־דיטן האָבן אָבער אָפּגעריסן די קינדער פון מיר. די הענטלעך פון די קינדער דריקן מיך מיין גאַנץ איבעריק לעבן.

משה, צוזאַמען מיט פיל הונדערטער אַנדערע יידן, זענען 6 וואָכן אַרומגעפאָרן מיט דער שיף און קיין שום ברעג האָט זיי נישט אַראָפּ־געלאָזן. אויף דער שיף איז נישט געווען וואָס צו עסן פאַר אַזאַ צאָל מענטשן. פיל זענען קראַנק געוואָרן. ענדלעך האָט מען זיי אַראָפּ־געלאָזן אין קאַסאַבלאַנקאַ, מאַראָק. עס איז דאָרט געשאַפן געוואָרן אַ קאָמיטעט, וועלכער האָט געזאָרגט זיי זאָלן האָבן ווו צו שלאָפן. אַלע אויסלענדער זענען אַוועקגעפירט געוואָרן אין אַ לאַגער. די פראַנצויזן — צום מיליטער. משהן האָט מען געמאַכט פאַר אַ היטער פון לאַגער. מען האָט אים געגעבן אַ פערד, ער זאָל אַלץ באַזאָרגן פאַרן לאַגער. שטעלט אייך פאָר — משה מיט אַ פערד! ער האָט אַלעמאָל מורא געהאַט פאַר אַ פערד. דאָס פערד האָט אים אַראָפּגע־שמיסן און ער האָט נישט געקאָנט צוריקקומען אין לאַגער אָן פערד.

ער איז אויך געווען פֿאַרביטערט איבער מיין לאַגע. וועגן מלכהלען, האָט ער פֿאַרשטאַנען, אַז זיי וועלן זיך ראַטעווען. יונגע מענטשן! זיי זענען דערוויַיל נישט געווען אין די ערטער, ווו די באַנדיטן זענען. דאָרט איז געווען די פרייע זאָנע.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט, האָב איך געקריגן אַ בריוו פֿון משהן דורכן פּאָרטוגעזישן אַמבאַסאַדאָר. משה איז שוין געלעגן אין אַ מיליטערישן שפּיטאָל 6 מאָנאַטן און מיר דערוועגן נישט געשריבן. ער האָט זיך אין דעם שווערן לאַגער־לעבן אָנגעשטעקט מיט אַ געפערלעכער קראַנקהייט.

אין 1943 איז מאַראָק אָקופּירט געוואָרן דורך די אַמעריקאַנער. די לאַגערס זענען אויפגעלייזט געוואָרן. יעדער געפאַנגענער האָט דאַן פריי געקענט אַרבעטן ביי זיין פאַך. משה האָט קראַנקערהייט זיך אַנגאַזשירט צו אַרבעטן אויף אַן אַמעריקאַנער שיף. זיין אַרבעט איז באַשטאַנען אין אַראָפּלאַדעווען און אַרויפטראָגן פּעק. משה האָט אַזוי געאַרבעט ביז ענדע 1944. ווידער געמוזט גיין אין שפּיטאָל אַריין. ער האָט מיר גאָרנישט געשריבן וועגן זיין קראַנקהייט. נאָכן אַרויסגיין פֿון שפּיטאָל, האָט ער געלייענט אין אַ צייטונג, אַז עס ווערט געזוכט אַ מאַשינער אין אַ פאַבריק פֿון אַוויאַציע, צו רעפּאַרירן פֿאַר־שיידענע זאַכן פֿאַר די פראַנצויזישע אַוויאַטאָרן. די אַרבעט איז געווען צוגעגלעך פֿאַר משהן.

נאָך די שרעקלעכע דעפּאָרטאַציעס האָב איך באַשלאָסן, אָדער מאַכן אַ סוף צו מיין לעבן, אָדער אַנטלויפן. אונזער אָרגאַניזאַציע האָט רעגיסטרירט. עס איז געווען אין דער פרייער זאָנע אַ גרופּע חברים פֿון בונד, וואָס האָבן צוגעהאָלפן אריבערצונעמען אַהין. זיי האָבן געשיקט אַ פראַנצויזישן פירער, זייער אַן אַנשטענדיקער מענטש.

מיר האָבן געמוזט גיין מיט די געלע לאַטעס. איך בין געווען קראַנק און נישט געקענט גיין. אָבער מיין חבר האָט געשריגן: „גיי", אפשר וועסטו זיך קענען ראַטעווען!"

אַליין געלאָזן אין פּאַריז, מיט אַ קליין טאָרבעלע, האָב איך זיך געלאָזן אין וועג אַריין. מיר זענען געווען 6 פרויען און איין קראַנקער מאַן. עס איז זייער שווער צו שילדערן וואָס איך האָב דורכגעלעבט מיט מיינע קראַנקע פיס און הויכן בלוט־דרוק. איך בין דריי מאָל געפאַלן אין חלשות. דער פירער האָט ערגעץ פאַרשטעקט די גרופּע און דערנאָך מיך געלאָפן זוכן. ווען נישט דער פירער, וואָלט איך אין וועג פאַרלוירן געגאַנגען. מיר זענען אָנגעקומען צו אַ שטיין, ווו עס איז געווען אויפגעשריבן: „ווער עס טרעט אַריבער דעם שטיין, ווערט דערשאָסן!". מיר זענען דאָך אַריבער.

עס איז געווען פאַרנאַכט. דער פירער האָט אונז אָנגעוויזן ווו אריינצוגיין, עפּעס צו עסן, איבערצושלאָפן אין אַ קאַמער. ער האָט זיך מיט אונז געזעגנט, צוגעזאָגט פאַרטאָג צו קומען מיט אַ טאַקסי. די פרויען איז נישט געפעלן צו שלאָפן אין דער קאַמער. זיי זענען אַרויס און באַמערקט אַ שיינע פאַרם און זענען דאָרט אַריין. איך האָב זיי געבעטן נישט צו גיין, זענען זיי געווען בייז אויף מיר. איך האָב זיי געזאָגט, אַז מיר וועלן אַדורכפאַלן.

כ'בין עטלעכע מאָל געפאָרן זיך צו זען מיט מיין טאָכטער, האָב איך שוין געוווסט, אַז אין די שיינע הייזער איז געפערלעך. זיי זענען געגאַנגען און מען האָט זיי געענטפערט, אַז זיי קענען דאָרט איבער־שלאָפן, נאָר דער טאַטע איז נישט אין שטוב. זיי וועלן פרעגן דעם פאָטער, און געבעטן דעם אַדרעס, ווו מיר געפינען זיך. זיי זענען צוריקגעקומען און דערציילט מיט טריאומף, אַז זיי וועלן שלאָפן אין

דער פאַרם. איך האָב זיך גענומען וואַרפן פון נערוועזיטעט, און זיי געזאָגט, אַז מיר זענען פאַרפאַלן.

עס גייט נישט פאַרביי קיין 10 מינוט, קלאַפּט מען אין דער טיר און עס קומען אַריין פראַנצויזישע פּאָליציי און מיר אַלע ווערן אַוועקגעפירט. יעדער פון אונז האָט געמוזט באַצאָלן 300 פראַנק פאַר אַריבערגיין אומלעגאַל די גרענעץ. דערנאָך האָט מען אונדז איבערגעשיקט אין אַ גרעסערער שטאָט.

6 וואָכן זענען מיר געבליבן אונטער דער אויפזיכט פון פּאָליציי. יעדן פרימאָרגן האָבן מיר זיך געמוזט גיין מעלדן. דער קאָמיסאַר האָט געהייסן זיך ווענדן אין שטאָט נאָך סערטיפיקאַטן. אַלע האָבן זיך איינגעשאַפט סערטיפיקאַטן, אָבער איך בין געלעגן קראַנק און נישט געקענט גיין. איין גליק איז געווען, וואָס אין דער שטאָט האָט געוווינט אַ יידישע פאַמיליע, זייער האַרציקע מענטשן, זענען שטענדיק געווען גרייט צו העלפן. די פרוי, וואָס האָט זיך געוואַנדן אין פּעריגע נאָך אַ סערטיפיקאַט פאַר מיר, איז ארויפגעקומען. האָב איך איר דערקלערט, אַז מאָרגן פרי מוז איך גיין צום קאָמיסאַר מיט מיינע זאַכן. ווי די פרוי האָט עס דערהערט, האָט זי אָנגעפאַנגען זיך צו ברעכן די הענט און שרייען, אַז דער קאָמיסאַר וועט מיך שיקן אין אַ לאַגער; און פון לאַגער וועל איך דעפּאָרטירט ווערן. זי האָט מיך געפרעגט צי כ׳האָב אַדרעסן פון באַקאַנטע יידן אין דער פרייער זאָנע. האָב איך געזאָגט, אַז איך ווייס נישט צו וועמען זיך צו ווענדן. די פרוי איז אַראָפּ נאָך אַ טאַקסי, איז געקומען שנעל צולויפן און מיט מיר אַרויסגעפאָרן צו אירע באַקאַנטע, פּרעפעקטור־באַאַמטע, און צו דער יידישער געמיינדע. מען האָט איר צוגעזאָגט אַלץ צו מאַכן. ביז 5 פאַרנאַכט איז זי מיט מיר אַרומגעלאָפן. איר מאַן האָט נישט

געוווסט וואָס מיט איר איז געשען. ביינאַכט האָב איך געמוזט זיין אין האָטעל, ביי אַ פּאָליציי־קאָנטראָל. צומאָרגנס האָב איך געמוזט גיין צום קאָמיסאַר מיט מיין באַגאַזש. די פרוי איז געבליבן אין פאָדער־צימער פון קאָמיסאַר. ווען איך האָב געעפנט די טיר, האָט דער קאָמיסאַר געלאַכט און מיר געזאָגט:

— איר האָט אַ גרויסן שאַנס, מאַדאַם. מיט צען מינוט פריער האָב איך געקריגן אַ סערטיפיקאַט פאַר אייך.

אויך דער קאָמיסאַר איז געווען צופרידן. ער האָט מיר געזאָגט, אַז איך וואָלט דעפּאָרטירט געוואָרן.

די פענצטער פון מיין נייער וווינונג זענען געווען צו דער גאַס אַרויס. פון דער וווינונג איז אַ גאַנצע פאַמיליע דעפּאָרטירט געוואָרן. איך האָב זיך אַרומגעקוקט אין הויף, צו זען, זיך ווי אַזוי צו אַנטלויפן, טאָמער אַ געפאַר. עס זענען אַדורך אייניקע טעג. אַרום דריי ביינאַכט האָב איך געהערט אַ שטאַרקע באַוועגונג אויף דער גאַס. איך בין שטיל צו צום פענצטער, נישט ליכטיק געמאַכט און אַראָפּגעקוקט. דער וועג איז געווען אויסגעשטעלט פון זשאַנדאַרן, פּיל פּאָליציי און געשטאַפּאָ־אַגענטן. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז איצט זענען אַלע יידן פאַרטיק מיט זייער לעבן. איך האָב זיך שנעל אָנגעטאָן. ביי מיר אין קיך איז געווען אַ קליינער פענצטער. מיין פענצטער איז געווען אויפן ערשטן שטאָק. אונטן — פול שמוץ און שטיינער. כ׳האָב נישט געזען קיין אנדער אויסוועג. אונטערן הויז — אַ טיפער קעלער. איך בין ווידער צו צום פענצטער, האָב באַמערקט ווי די אַגענטן ווייזן אין דער הויך מיט די פינגער. איז ביי מיר פעסט געוואָרן דער באַשלוס. ביי מיר איז געבליבן אַ קינדער־מאַנטעלע, האָב איך עס שנעל ארומגעבונדן אַרום הארץ און אַראָפּגעשפרונגען

פון פענצטער. איך האָב זיך געפּרוווט אויפשטעלן, צי איך האָב נישט צעבראָכן קיין פוס. איך בין אַריין אין דעם טיפן קעלער. ס'איז געווען נאָכמיטאָג, און איך בין דאָרט געבליבן בין 11 אינדערפרי צומאָרגנס. דורך דעם קליינעם פענצטערל צו דער גאַס אַרויס האָב איך זיך אונטערגעהערט.

פון פראָנט איז געווען אַ פראַנצויזיש שפּייז־געוועלב. די אייגנ־טימערין איז געווען זייער אַ סימפּאַטישע פרוי. איך האָב שטענדיק ביי איר איינגעקויפט. האָב איך באַשלאָסן אַז איך וועל אַרויס פון קעלער און צו איר אַריינגיין. ווי זי האָט מיך דערזען, האָט זי געגעבן אַ געשריי, פאַרבראָכן די הענט און מיך געפרעגט: „מאַדאַם הובער־מאַן, וואָס האָסטו געמאַכט?". זי האָט מיר דערלאַנגט אַ שפּיגל. איך האָב נישט געהאַט קיין מענטשלעכן אויסזען. מיין געזיכט איז געווען אין קאַלך־שטויב, אויסגעשמירט מיט בלוט. אין שפּיגל האָב איך געזען אַ טייוול, נישט קיין מענטש. די פרוי האָט מיך אַריינגענומען אין איר שטוב, געמאַכט שנעל וואַרעם וואַסער און מיך אָרומגעוואַשן. איך האָב געהאַט פיל ווונדן אויף מיינע הענט און אויף מיינע פיס, פון די שטיינער, פון צעבראָכענעם גלאָז. זי האָט מיך געלייגט אויף אַ קאַנאַפּע און גלייך ארויסגערופן אַ דאָקטער. דער דאָקטער איז געווען אַ ווידערשטענדלער. ער האָט מיטגעבראַכט באַנדאַזשן.

איר מאַן האָט צוגעשטעלט אַ לייטער צו מיין פענצטער, איז אַריין אין שטוב, גענומען מיין שליסל און מיין מאַנטל. מיין וווינונג איז געבליבן פאַרמאַכט. דער דאָקטאָר האָט מיך אָוועקגעפירט צו מיינער אַ באַקאַנטער פרוי, אַ פּאָלאַטשקע, זייער אַ ווילער מענטש. זי האָט אין אַלע שווערע צייטן מיך געבעטן צו איר צו קומען. זי האָט געוווינט אין אַ וואַלד, לעבן אַ דערפל. ביי דער פּוילישער פרוי־

בין איך געווען דריי וואָכן, ביז מײנע ווונדן האָבן זיך פאַרהײלט, אָבער איך בין געבליבן קראַנק ביז היינט.

איך האָב זיך איצט דערוווסט וואָס אין דער נאַכט פון מיין שפּרינגען איז געשען.

נאָך דער מפּלה פון די דייטשע באַנדיטן, האָבן די ווידער־שטענדלער פאַרשטאַרקט זייערע אַקציעס, נקמה גענומען אין די קאַלאַבאַראַטאָרן און מיליץ. די ווידערשטענדלער האָבן אין דער זעלבער נאַכט אונטערגעלייגט 6 באָמבעס הינטער די טירן פון קאָלאַבאָראַטאָרן. אויך אונטער מיין פענצטער איז געווען אַ געוועלב פון אַ קאָלאַבאָראַטאָר. אין דעם קעלער, וווּ איך בין געווען באַהאַלטן, איז ביים קליינעם פענטערל געלעגן אַ באָמבע.

ענדע 1944 האָט מען שוין געזען נאָנט די מפּלה פון די היטלער־באַנדיטן. זיי זענען שוין געלאָפן מיט וועגענער, פאַרשטעלט מיטביימער. די קאָלאַבאָראַטאָרן און די פּאָליציי האָבן געבעטן מען זאָל זאָגן וועגן זיי אַ גוטע מיינונג. סוף 1944 האָב איך זיך אומגעקערט קיין פּאַריז. אין דער שטאָט איז געווען פינצטער. מען האָט ביינאַכט נישט געקענט אַרויסגיין אין גאַס. אין מיין וווינונג האָבן געוווינט פראַנצויזן. זיי האָבן מיך נישט געוואָלט עפענער די טיר. מיין גאַנץ פאַרמעגן, וואָס איך האָב געלאָזן, האָבן די דייטשע באַנדיטן צוגענו־מען.

פון משהן האָב איך פון צייט צו צייט געקריגן אַ בריוו. ער האָט מיר וועגן זיין קרענק כמעט גאָרנישט געשריבן. ער האָט נאָר גע־שריבן וועגן זיין ווילן אַהיימצוקומען.

עס איז שוין געווען אָנהויב 1945. אַ חברטע האָט מיר רעקאָ־מענדירט אַ קליין שטיבעלע אויפן 8־טן שטאָק. איך האָב דאָרט

אָנגעפּאַנגען צו אַרבעטן, צו מאַכן פאַר די דעפּאָרטירטע אָנצוטאָן, אָן באַצאָלט. גלייכצייטיק האָב איך אָנגעהויבן זיך צו באַמיען וועגן משה'ס צוריקקומען. ס'איז נישט אזוי לייכט געווען. עס האָט געדויערט 6 חדשים מיין ארומלויפן.

מיט שווערער אָנשטרענגונג, איז משה ענדלעך אהיימגעקומען אין יאָר 1946. ער איז געווען איבערגליקלעך. ער האָט נישט שלעכט אויסגעזען. עס האָט מיך אָבער נישט געפרייט זיין גוט אויסזען, ווייל איך האָב באַמערקט, ווי ער שלעפּט זיינע פיס. ער האָט קיין קראַפט נישט צו גיין. איך האָב אים געבעטן זיך לאָזן אונטערזוכן פון אַ פּראָפעסאָר. האָט ער נישט געוואָלט הערן דערפון. ער האָט מיר געוואָלט איינרעדן, אַז ער איז נאָך מיד פון דער רייזע און מיר פאַרגעלייגט בעסער צו טראַכטן וועגן אַ דירה, מען זאָל ווידער קענען איינאָרדענען זיך און אַרבעטן אין שטוב. איך בין געווען זייער פאַר־צווייפלט. באַלד וועט מלכהלע אהיימקומען, און ער וועט אין זומער־וואַקאַנסן ערגעץ ארויספאָרן, וועט אים איבערגיין, האָב איך געטראַכט.

איך האָב געבאָרגט אין דער געזעלשאַפט געלט און מיר האָבן גע־פונען אַ וווינונג. אין 1948 זענען מיר אַריין אין דער דירה, בלייבנדיק שולדיק 500 טויזנט פראַנק. מיר האָבן אָנגעפאַנגען צוביסלעך אַרבע־טן. אָבער משהן איז געגאַנגען ערגער, נישט בעסער. איך מיט מלכהלען האָבן באַשלאָסן צו רופן אַ דאָקטאָר און נישט פרעגן משהן. משהן האָבן מיר געהייסן בלייבן אין בעט, כאָטש ער איז געווען נישט צופרידן. איין דאָקטאָר האָט געמאַכט אַ דיאַגנאָז, אַז משה האָט געבראַכט פון מאַראָקאָ די מאַלאַריע־קרענק. ער האָט געהייסן אים מעסטן ביינאַכט דעם פיבער. משה האָט נישט געוואָלט מיר זאָלן זען וואָס מיט אים איז, ווייל איך אַליין בין אויך געווען שוואַך, מיט

אַ הויכן בלוט־דרוק. מיר האָבן באַלד דערזען אונזער אומגליק. ביינאַכט האָט משה געהאַט 42 גראַד פיבער.

זונטיק אין דער פרי האָט אונזערס אַ פריינט טעלעפאָנירט צו זיינס אַ דאָקטאָר. דער דאָקטאָר איז געקומען, משהן גוט אונטערזוכט. דער דאָקטאָר האָט געפרעגט די מיינונג פון פריערדיקן דאָקטאָר. האָבן מיר געזאָגט, אַז יענער האָט פעסגעשטעלט מאַלאַריע. האָט דער דאָקטאָר געזאָגט: „הלוואי וואָלט עס אַזוי געווען... ליידער איז נישט אַזוי".

און ער האָט געזאָגט, אַז ער קען נישט באַלד פעסטשטעלן די דיאַגנאָזע, ער מוז נאָך אַמאָל קומען. מאָנטיק איז דער דאָקטאָר געקומען און שפּעטער געשיקט אַ פּראָפעסאָר צו מאַכן אַ בלוט־פּראָבע. דער רעזולטאַט איז געווען: 200.50 ווייסע גלאָבילן, בעסער געזאָגט — אַ ראַק אין בלוט, אָדער סעלעמין. דער דאָקטאָר האָט עס מיר נישט געוואָלט געבוי זאָגן. ער האָט מיר בלויז אָנגעקוקט מיט באַדויערן.

דינסטיק אין דער פרי איז משה אוועקגעפירט געוואָרן אין שפּיטאָל, צו מאַכן דורכלויכטונגען. מיך האָט דער דאָקטער געטרייסט, אָבער אונזער טאָכטער האָט ער אַלץ אויפגעקלערט. משה האָט אַלץ געוואָלט פאַר מיר באַהאַלטן; איך האָב ליידער געזען, אַז דער אומגליק איז גרויס. דריי חדשים איז משה געלעגן אין שפּיטאָל. עס איז אים געגאַנגען אַביסל בעסער. דער שפּיטאָל האָט אים געשיקט אין אַ סאַנאַטאָריום, ווו ער איז פאַרבליבן 3 חדשים. איך און מלכהלע פלעגן יעדן זונטיק צו אים פאָרן. יעדן זונטיק האָט מיך משה אָפּגע־וואַרט ביים טראַמוויי, און מיך געטרייסט אַז עס גייט אים בעסער.

נאָך דריי חדשים איז ער אהיימגעקומען. איך האָב זיך געפרייט.

איך האָב אָבער פאַרשטאַנען אונזער אומגליק. משה פלעגט פאָרן צוויי מאָל אין וואָך אין שפּיטאָל אריין. דער דאָקטאָר האָט אים געזאָגט, אַז ער מעג אַלץ עסן, גיין שפּאַצירן. איך האָב אין דער שטיל, אַז ער זאָל נישט זען, ביטער געוויינט.

אין צוויי חדשים אַרום האָט זיך משה איינגעבראָכן. ער האָט געקריגן דעם לעצטן קריזיס. אַלע זענען דעמאָלט געווען אין וואַקאַנס. עס איז געווען שווער צו קריגן אַ דאָקטאָר. ענדלעך האָט מלכהלע געפונען אַ דאָקטאָר. אָבער וואָס האָט ער דען געוווסט? ער האָט אים געגעבן אַ פּאָמאַדע איינצושמירן. משה האָט אַלץ פון זיך אַראָפּגע־וואָרפן. ער האָט געברענט פון פיבער. איך בין 5 נעכט געזעסן לעבן בעט און געשמירט. ער האָט נישט קיינעם צוגעלאָזן צום שמירן, נאָר איך האָב געמוזט זיצן לעבן אים. איך האָב געפילט, אַז איך פאַל פון די פיס. מלכהלע האָט געברענגט אַ גרעסערן דאָקטאָר, האָט ער שנעל טעלעפאָנירט אין ראָטשילד־שפּיטאָל. מען האָט משהן אַוועקגענומען אין שפּיטאָל אַריין.

מיר זענען די שעהן פון וויזיט געווען ביי משהן. עס איז נישט געווען דערלויבט צו בלייבן לענגער. דאָס איז געווען זונטיק. מאָנטיק האָט זיך משה געפילט בעסער; מיר האָבן געהאַט די האָפענונג, אַז אפשר וועט אים טאָקע בעסער ווערן. דינסטיק בין איך געקומען מיט מלכהלען, און איידער זי האָט זיך אָריענטירט, האָב איך גוט דורכ־געלייענט דעם אָנווייז־טאוול ביי משהס בעט, האָב איך שוין געזען מיין אומגליק.

איך בין שנעל אַרויס, משה זאָל גאָרנישט באַמערקן. איך האָב געקריגן אַן אַטאַק. די שוועסטערן האָבן מיך אַרויסגעפירט און זיך

פֿאַרנומען מיט מיר. מלכהלע איז געבליבן ביים פֿאָטער. מיך האָט מען נישט אַריינגעלאָזן.

מיטוואָך אין דער פֿרי האָט מיין טייערער משה אויסגעהויכט זיין לעצטן אָטעם־צוג.

דאָס קינד האָט מיר נישט אויסגעזאָגט, אַז איר טאַטע לעבט נישט מער. זי האָט מיר גאָרנישט געזאָגט און גערופֿן דעם דאָקטאָר צו מיר, ער זאָל מיר מאַכן אַן איינשפּריצונג. עס איז אים נישט געלונגען. איך בין געווען שטאַרקער פֿאַרן דאָקטאָר. האָט דער דאָקטאָר טעלעפֿאָנירט אין שפּיטאָל, מען זאָל מיך אָפּוואַרטן ביים טויער און אין קאַר מיר מאַכן אַן איינשפּריצונג. און אַזוי איז עס געשען. איך בין שוין נאָכדעם געווען בכוח אַלץ איבערצוטראָגן.

מיט טיפֿער ליבע דערמאָן איך מיין מאַן משה, צו זיין הייליקן אָנדענק.

Imp. SCHIPPER - OBE. 36-53